YP 2621.35 (1-3)

# סטודיאָ

פערטל-יערלעך

פאַרלאַג "אַלײן"
נ ו י אָ ר ק

STUDIO
1-3
1934-35

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

FROM THE INCOME OF THE BEQUEST OF LEE M. FRIEDMAN

1

יולי-סעפטעמבער

1934

S T U D I O
Literary Quarterly
Vol. I, No. I
July-Sept., 1934

Published and ...
LAMED S...
166 Seco...
New Yo...
Subscription P...

אינהאַלט:

...שאַפּיראָ: דער שטול
...: דער ריבוח
...: דער קאָנוועיער לויפט
...האַלפּערן, מאיר שטיקער
...ווינטגעלאַט, יוסף ראָלניק,
...גלאַטשטיין, א. טאַבאַטשניק,
נחום יוד, מעניקע קאַץ,
אליעזר גרינבערג, נחום פּאַזנער:
41 לידער
63 ב. ריווקין: דאָס ליד וואָס ווערט גלייך מקוים
73 אליעזר גריינבערג: פון פאַרפייניקטער וועלט — צום ראַנד פון נייעם אָנהויב
88 י. זאָלאָטש: דאָס ליד צו אונדזער נייער צוקונפט
95 יוד זיין: צייטשריפטן
104 לאַמעד שין: שרייבטיש
117 ל. שאַפּיראָ: „קריעת ים-סוף"

POSY-ROSENBLOOM-SHOULSON PRESS
19 WEST 21ST STREET, NEW YORK

| | |
|---|---|
| סטודיאָ | נומער איינס |
| פערטל-יערלעך | |
| געפירט פון | יולי — סעפטעמבער |
| ל. שאַפּיראָ | 1934 |

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

## ל. שאַפּיראָ
## דער שטול

„די ווענצעלעך דאַרפן אויך לעבן"—אַזוי זאָגט עמיצער בײַ מענדעלע מוכר־ספרים. נאָר דזשייק בערעזע האָט דערפון ניט געוואוסט. —

.1

אַן עראָפּלאַן איז געפלויגן פאַרנאַכט איבער יוניאָן־סקווער און האָט געוויזן דער וועלט אַ לאַנגע רויטפייערדיקע שורה: „קינדער ווײַנען נאָך קאַסטאָריאַ!" אין פייערדיקע אותיות פון דעמזעלבן קאָליר האָט די אַמאַלגאַמייטעד באַנק געבליצט צו דער וועלט וועגן איר שליחות און בשורה: 4-1|2%! די קראָסטאַון־פּערצנטע־סטריט־קאַר איז פאַרבײַגעגאַנגען פון מערב צו מזרח מיט אַ הייזעריקן צוגע־קילטן כריפּ. פון אַ פענצטער איבער טשאַילדס רעסטאָראַן האָט עמי־צער געשריגן צו עמיצן אַראָפּ אויף דער גאַס: „בײַ מיר 'עט עס נישט גיין! איך האָב פיינט פּוילע שטיק!" אונטערן ברוק, אינם בויך פון דער ערד, האָט ווי אַ קורצע ערדציטערניש פאַרבײַגעדונערט אַ צוג פונם סאָבוועי. בײַ דער טיר פון אַ געשעפט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן האָט אַ גראַמאָפאָן געזונגען מיט אַ באַריטאָן, אין דער באַגלייטונג פון אַ גיטאַרע:

YP 2621.35 (1-3)

איך פרעג זי— ווי גייט מען אַפּטאַון,
זי זאָגט מיר — זי וואוינט דאָ דערביי...
טאַ־ראַ־טאַ־טאַ-טאַם — טאַריטאַ —טאַט־אַם —
טאַראַטאַ — טאַריטאַ — טאַראַטאַם!

יוניאָן־סקווער. —

.2

אויפן מזרחדיקן טראָטואַר פון סקווער, בײַ דער "לינקער" קאַפּעטעריע, האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן אַ רעדל מענטשן, און אַ פּאָליסמאַן האָט זיך געלאָזן גיין צו זיי, קלאָמערשט געלאַסן און מיושבדיק, שפּילנדיק מיט זײַן קורצן דיקן שטאָק אינדערלופטן. אַ גאַנצן טאָג זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט, פּאָליסלייט האָבן געקלאַפּט איבער די קעפּ און געמאַכט אַרעסטן, נאָר געטון געוואָרן איז עס מיט אַ געוויסער אומאַנטשלאָסנקייט, ווײַל קיינער האָט נאָך ניט געוואוסט אויף זיכער ווי מ׳האַלט אין דער וועלט, וואָס גאָווערנאָר פולער פון מאַסאַטשוזעטס וועט טון אין דער לעצטער מינוט. אַ גאַנצן טאָג האָבן די צײַטונגען געבראַכט ידיעות: "ראַיאָטן אין בוענאָס־איירעס!" — פּאָליציי שיסט אויף דעמאָנסטראַנטן אין פּאַריז!" "מאָסקווע פּלאַקערט מיט רויטע פאָנען און צאָרנדיקע פּלאַקאַטן!" "באָמבעס פאַרן אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין באַרצעלאָנאַ!" די אָנקומענדיקע נאַכט איז געווען פון 22טן אויפן 23טן אויגוסט, 1927 . עס איז געווען די נאַכט פון סאַקאָ און וואַנזעטי. —

.3

דער פּאָליסמאַן האָט זיך אַרײַנגערוקט צווישן עולם אַרבעטער, געוויגט זיך און געשטויסן מיט די ברייטע אַקסלען פון זײַט צו זײַט, און דערזעענדיק אַז צוויי אַנדערע פּאָליסלייט קומען אים אַנטקעגן, האָט ער גענומען שטופּן דעם עולם ענערגישער, ריידנדיק די גאַנצע צײַט אין דער וועלט אַרײַן: "גייט זיך פונאַנדער. שטייט ניט. שטערט ניט



דעם פאַרקער אין גאַס. קאַם אַ־אָן!..." אַ מענטש האָט זיך האַסטיק אַ קער געטון צו׳ן אים, האָט אים אַ ברי געטון מיט אַ רויט אויג וואָס האָט ניט געהאַט קיין ברעם איבער זיך און האָט כעסדיק געזאָגט: "דאָנט פּ—פּושש!" "די מאַכט" האָט תיכף פאַרלוירן די רואיקייט און זיך אַ וואָרף געטון צו דעם דאָזיקן אויג. דזשייק האָט זיך געגעבן אַ טוק־אונטער צווישן עלנבויגנס און איז צוריק אַרויפגעשוואומען בײַ דער טיר פון דער קאַפּעטעריע. דער פּאָליסמאַן האָט זיך אַ לאָז געטון צון אים, נאָר דזשייק האָט געעפנט די טיר און איז אַרײַן אינווייניק. דער פּאָליסמאַן האָט געקוקט אַ ווײַלע צו דער טיר — און זיך אָפּגעקערט אָן אַ זײַט.

.4

אַ מענטש קאָן לעבן אָן אַ ברעם. נאָר אַז די באַק אונטער דעם אָנברעמיקן אויג הויבט אָן צו צוקן, פילט זיך אַ מענטש פריקרע. און אַז אַ מענטש הויבט אָן שלעפּן אַ פוס, פונקט ווי דער פוס וואָלט אים פלוצים לייגנער געוואָרן, איז עס פריקרע. און אַז אין אַ מענטשן ברענט אַ העלישער כעס, און ער ווייסט אַליין ניט גענוי אויף וועמען ער איז אין כעס — איז עס גאָר, גאָר פריקרע. און כעסן כעסט זיך דזשייק שטענדיק — און אויף אַלעמען, און וואָס מ׳זאָל אים ניט זאָגן, ווילט זיך אים זאָגן "ניטאַזוי", און וואָס מ׳זאָל ניט טון, דערפילט ער תיכף אַז עס שטויסט אים צו טון פאַרקערט. איז אין שאַפּ איז ער טאַקע מיט אַלעמען צעקריגט, נאָר דאָ אין קאַפּעטעריע האָט מען צו אים אַסך געדולד, צוליב עפּעס. מ׳האַלט אים פאַר אַ שטיקל משוגענעם, האַלט מען אים, דעם פוטערוואַרגער דזשייק בערעזע: רק ער קריגט זיך מיט די "לינקע" און רק ער האַלט זיך אַרום זיי; ער האָט, למשל, געשטימט קעגן דעם גרויסן סטרייק פון די פוטערוואַרגער, נאָר דערנאָך האָט ער געסטרייקט באַגלײַך מיט אַלעמען, האָט געשטריטן ווי אַ ווילדער קעגן דער פּאָליציי בעתן ראַיאָט נעבן "פאָרגעשטערטס" וואו ער איז שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן, און איצט האַלט ער זיך עקשנותדיק בײַ דער אינדוסטריעלער יוניע, כאָטש ער גייט אַרום אָן אַרבעט צוליב דעם. —

דזשייק האָט גענומען זוכן מיט די אויגן צו וועמען ער זאָל זיך צו־טשעפּען דאָ אין קאַפעטעריע. אין כעס איז דזשייק דאָסמאָל געווען אויפן פּאָליסמאַן דרויסן — אַזאַ גלאַטער, אידיאָטיש־יונגער, ״גויאיש־טרייפענער״ פּנים פון אַן איירישן שייגעץ! — נאָר אויסלאָזן דעם דעם כעס קאָן מען צו וועמען עס איז — אַלצאיינס צו וועמען. די קאַפעטעריע איז געווען איבערפילט, מערסטנס מיט אַרבעטער, נאָר אויך מיט אַ שפּריצל אינטעליגענטן, שרייבער, מאָלער, פאַרשטייער פון דער פּרעסע — די פּרעסע האָט, ווי אַלעמאָל, געוואָלט וויסן ״די שטימונג פונם פאָלק״! — מערסטנס מיט אידן, נאָר עס זענען געווען אויך רוסן, אוקראַינער, איטאַליענער, נעגערן און אפילו איינער — איין־איינציקער — אַן ״עכטער״ אַמעריקאַנער, אַן אמתדיקער יענקי — דזשערעמאַי ווילסאָן, אַ ״לאָנגשאָרמאַן״ — אַ מאַטראָס אויף אַ פּאַזע־ברעג־שיף וואָס גייט פון נויאָרק אַרויף צו צפון, צו קאַפּ־קאָד און אַריבער. באַם טישל וואו ווילסאָן איז געזעסן האָט דזשייק געפונען זיינע מענטשן, די מענטשן צו וועמען ער האָט באַזונדערס ליב זיך צו טשעפּען.

.5

באַם טישל:

דזשערעמאַי ווילסאָן. אַ ביינעריקער מענטש מיט לאַנגע הענט און לאַנגע פיס. אַ מענטש אַ שווייגער. אַ מענטש וואָס קוקט פאַרטראַכט און אַביסעל פאַרחידושט אויף דעם אויסלענדישן, אויסטערלישן לעבן וואָס שוויבלט און גריבלט אַרום אים. ער איז אַ גוטער חבר, נאָר די ״פאַרינערס״ קומען אים פאָר אַביסעלע — אָה, אָט בלויז אַ האָ־רעלע! — ״קוויר״ — מאָדנע, הייסט עס — און די באַציאונג פון זיי צון אים איז אַ קאַפּעלע — אָה, אַ טראָפּעלע! — סובטיל־חניפהדיק, און צוריקגעהאַלטן, און אָפּגעהיט... ביידע צדדים וואָלטן זיך גע־שעמט מודה צו זיין זיך אין די דאָזיקע געפילן, וואָס זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אויסצולעבן, נאָר וואָס זיי האָבן נאָך דערווייל ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט. —




פּיט מאָלדאָוואַן, אַ פּויער פון בעסאַראַביע, וואָס האָט געמוזט עוקר זיין פון דאָרטן באַלד נאָך דער רומענישער אָקופּאַציע, צוליב עפּעס אַ צוזאַמענשטויס מיט דער נייער מאַכט. דאָ אין נויאָרק אַרבעט ער אין אַ וואַרנהויז באַם דאָק פון איסט־ריווער. פּיט האָט פיינט דעם איסט־ריווער: אין זיינע אויגן איז ער ניטאַזוי אַ טייך, ווי אַ שוואַר־צער, ברודיקער גליטש פאַר שיפן און באַרזשעס וואָס ליגט צווישן די פאַררויכערטע זוימען פון ברוקלין און נויאָרק. ער ליגט — מ׳זעט אפילו ניט ער זאָל גיין. ער רעדט ניט און ער שטורמט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט. עס פּאַסירט אַמאָל, אַז אַ מענטש וואַרפט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ פון איינעם פון די בריקן: דער איסט־ריווער טוט אים אַ שלונג אַראָנטער מיט אַ קורצן כליופּ — און שוין, וואָרים דאָס איז אַ טייך אָן יצר־הרע און אָן הנאה פון לעבן. דאָס איז אַ טייך וואָס איז פּאַרטוון אין ביזנעס! איר קאָנט אים עפּעס פאַרגלייכן מיטן דניע־פּער, אָדער אפילו מיטן בוג?... — און פון צייט צו צייט גיט פּיט דעם טייך אַ ביטולדיקן קוק און שפּייט אים אָן אין פּנים אַריין. —

דאָס אוקראַאינישע מיידל נאַסטיאַ, פּיטס כלה, וואָס איז אַ דינסט באַ דער אידישער פאַמיליע פיש אין די בראָנקס. נאַסטיאַ הייסט שוין איצט נעטי, רעדט פריי ענגליש, טראָגט שיך מיט הויכע קנאַפּל און אַן איינגעלש־געשוירענעם קאָפּ — אַ ״באָאיש באַב״. איר פּנים איז שוין ניט מער טייגיק, נאָר ווייס און גלאַט. די אויגן זענען נאָך אַלץ גרויס און נאָך אַלץ קעלבערן, נאָר באַ אַ געלעגנהייט טוען פון זיי אַ קוק־אַרויס אַזעלכע שדימלעך, און דעמאָלט ווערט זי אומגעריכט און קאָנטראַסטמעסיק שיין. דאָ אין דער קאַפעטעריע זיצט זי שווייגנדיק און זייער אויפמערקזאַם, זייער פאַראינטערעסירט, נאָר פאַר אירע איינענע צוועקן. עס קוקט אויס — זי האָט עפּעס גאַנץ אַנדערע מחשבות, אָט די נעטי, און זי ווייסט אַליין ניט ווי קומט זי אַהער — איז זי אויף איר פּלאַץ, אָדער ניט? —

דער קוילנגרעבער ליוק — אַ נעגער. —

ליוקס פאָטער האָט יאָרנלאַנג געוואַנדערט איבער די דרומדיקע שטאַטן, האָט געפּריידיקט ״גאָטס וואָרט״ צווישן זיינע שוואַרצע ברידער, גע־

טובלט גאַנצע מחנות זייערע אין די וואַסערן פון דער מיסיסיפּי און געלעבט אין אומגלויבלעכער דחקות. אָבער פונדעסטוועגן האָט אויפן זון, אויף ליוקן, כאָטש ער איז בפירוש געווען אַ נאָמען נאָכן אַפּאָסטאָל, דאָס פייער פון אמונה עפּעס קיין שליטה ניט געהאַט. אים האָט שוין מער צוגעצויגן די באַוועגונג פון מאַרקוס גאַרווי וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצופירן די נעגערן פון אַמעריקע קיין אַפריקע, "ווי גאָט האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק ישראל פון מצרים". נאָך דעם ווי די באַוועגונג האָט געפּלאַצט — מיט סקאַנדאַלן, מיט שווינדלערייען, מיט פאַנטאַסטישע טראַנסאַטלאַנטישע שיפן — האָט ליוק געוואַנדערט פון שטאַט צו שטאַט און פון אַרבעט צו אַרבעט, און אין די קוילנמינעז פון פּענסילווייניע איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין אים איז פאַרבליבן אַ געוויסער פאַרבאָרגענער אומצוטרוי צו דער פריינטשאַפטלעכקייט פון די ווייסע און אַ נייגונג — אַ ירושה פון זיין טאַטן — צו ריידן פון צייט צו צייט אַביסל מליצהדיק און ביבליש, און דעמאָלט פאַלט ער אַריין אין "ברודער" אָנשטאָט "חבר" און רעדט מיט פּסוקים וואָס אָפּטמאָל פאַרפּאַסט ער זיי — עקספּראָמט. —

## 6.

צום טישל איז צוגעקומען חבר יאָסל פון דער אינדוסטריעלער יוניע פון שפּייזאַרבעטער, מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט. גייענדיק, האָט ער אַריינגעקוקט אין פּאַפּירל, און זיין פּנים האָט געשיינט פון אינווייניק אַרויס.

— נאַט, לייענט... — האָט ער דערלאַנגט ווילסאָנען דאָס פּאַפּירל. דאָס איז געווען אַן אויפרוף פון דער קאָמפּאַרטיי צו די אַרבעטער פון אַמעריקע צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי. נאָר אַ שטאַרקע כוואַליע פון פּראָטעסט קאָן אפשר צווינגען דעם גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוסעטס צו שיינקען זיי זייערע לעבנס. דער אויפרוף האָט זיך געשלאָסן מיט וואַנזעטיס ווערטער וועגן סאַקאָן, געווענדט צו ריכטער טהעיער: "סאַקאָס נאָמען וועט לעבן אין די הערצער פון מענטשן און אין זייער דאַנקבאַרקייט... ווען די צייט וועט



שוין לאַנג האָבן אָוועקגעבלאָזן מיטן ווינט דעם שטויב פון אייערע ביינער; ווען אייער נאָמען... אייערע געזעצן, אייערע אינסטיטוציעס און אייערע פאַלשע געטער וועלן שוין זיין בלויז אַ טונקלע געדעכעניש פון אַ פאַרשאָלטענעם עבר ווען מענטש איז געווען וואָלף צו מענטש"...

ווילסאָן האָט געלייענט דעם אויפרוף אין־דער־הויך, און זיין שטים האָט געוויברירט נידעריק און טיף און זיך געהאַקט אַביסל; עס איז געווען קענטיק, אַז דער נביאישער פּאַטאָס פון די לעצטע ווערטער רעגט זיין בלוט ווי הייסע און שטאַרקע מוזיק. דזשייק בערעזע האָט זיך אָנגעכמורעט און געזאָגט מיט בייזקייט:

— ניט אונדזערע ביזנעס... בעסער געדאַרפט זען, די אַרבעטער זאָלן ניט גיין צוריק אין "זייערע" יוניעס. צוויי איטאַליענישע אַנאַרכיסטן — וואָס געהערן זיי זיך אָן מיט אונדז?... —

— וואָס זאָגט ער? — האָט דזשערעמאַי ווילסאָן איבערגעפרעגט, ווייל דזשייק האָט גערעדט אין אידיש.

חבר יאָסל האָט פאַרטייטשט:

— ער זאָגט: מיר דאַרפן זיך ניט אָננעמען פאַר די צוויי איטאַליענער... ער מיינט — דאָס איז אַן אַרבעט פאַר די בורזשואַזע ראַדיקאַלן...

— נישט ריכטיק רעדסטו, ברודער דזשייק — האָט דער נעגער ליוק זיך אָפּגערופן — און דו בלאָנדזשעסט אין די וועגן פון די אומגערעכטע. עס שטייט געשריבן: "אַרבעטער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט זיך!" איך פרעג דיך: שטייט עס געשריבן אָדער ניט?...

ויין נאַאיווע פּאַראַפראַזע פונם לאָזונג, וואָס דורך איר האָבן אַרויסגעקוקט זיינע באַהאַלטענע געפילן, האָבן געבראַכט דעם עולם אין פאַרלעגנהייט: מ'האָט זיין נוסח ניט געקאָנט נישט אָפּלייקענען, נישט באַשטעטיקן.

דזשייק האָט עקשנותדיק אַרויסגעבורטשעט:

— מיר קאָנען זיך דען נאָכיאָגן נאָך אַ יעדער עולה וואָס "זייער" וועלט באַגייט? זוכן פליי בײַ אַ קרעציקן הונט! —

— מ—ניין! — האָט ווילסאָן נאָכדיינקלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. — דאָס מיינט מען אונדז, די אַרבעטער. דאָס גיט מען אונדז צו וויסן: "מ'האָט אײַך אין דר'ערד!" — עס איז יאָ אונדזער עסק. און אויב די לייטישערע פון די בורזשויעס ווילן העלפן, הייסט עס נאָך ניט אַז מיר דאַרפן זיך אָפּטרייסלען.

## 7.

נאָר דזשייק האָט שוין ניט געהערט. ער האָט אומרואיק געוואָרפן מיט די אויגן איבערן גרויסן לאָקאַל, און אַן אויער האָט אויפגעכאַפּט אַ שטים פון אַ נאָענטן טישל. שוין די שטים אַליין האָט אים צערייצט: אַ גלאַטינקע — אַ זאַטינקע — אַ צופרידענע מיט זיך און מיט איר וועלט, אין וועלכער דער אייגנטימער פון דער שטים פילט זיך געזיכערט און זייער "בלאַגאָפּאָלוטשנע". "און איך זאָג — "זיי" האָבן ניט געטאָרט מאַכן אַזאַ טומל... "זיי" האָבן זיך ניט געדאַרפט מישן"...

דאָס האָט גערעדט יעקב לאַפּידעס, אַ שרײַבער פון "טאָג", וואָס אין זײַנע שרײַבעכצן געפינט איר געוויינלעך "די חכמה פון דורות", ווי, למשל: "וועגן טויטע — אָדער גוטס אָדער גאָרנישט", און אין אַ שמועס וויצלט ער זיך בנוסח: "וואַט קען יו מאַך", אָדער — "האַבע די עהרע". קענגאיבער אים איז געזעסן יאַלקוט, אַ מיטליעריקער מענטש מיט אַ רויטן פּליאַם אויף אַ באַק און אַ קאָפּ וואָס אים איז פאַרבליבן בלויז אַ קרענצל האָר אַרום די ברעגן און אַ קאָמיש צעפּל אויף דער נאַקעטער קרוין, ווי בײַ די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן. זײַן בליק איז געווען אַ מידער און אַ געדריקטער, וואָס דאָס קומט פון וועלטשמערץ און זויערקייט אין מאָגן. בײַם זעלבן טיש: איזי פישלער פון די פאַראייניקטע צדקה־אַנשטאַלטן, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַן אויס־



געקרימטער ווי אַ איבערגעטריקנט ברעט, און יונה מאַרגאָלים — מיט אַ קאָפּ געשוירן אונטער דער מאַשינקע ביז צו דער גרויער הויט, מיט גרויסע אומגעלומפּערט אָפּגעשטאַנענע און שטענדיק רויטע אויערן און מיט פאַרטראַכט־שיכורע אויגן, ווײַל אים האָט זיך שטענדיק געבאָמבלט אין קאָפּ אַ שורה פון אַן אָנגעהויבן ליד און האָט געמאָנט אַנדערע שורות.

לאַפּידעסן האָט אָפּגעענטפערט איזי פישלער — אין אַ גאַליקן טאָן, ווי זײַן שטייגער איז געווען:

— ווער "זיי" — די קאָמוניסטן, מיינט איר? וואָס־זשע — געוועזן איבערלאָזן צו אײַך? איר אפשר וואָלט זיך אָנגענומען פאַר די צוויי אַנאַרכיסטן?...

— ס'טייטש "איך"? דער אַמעריקאַנער ליבעראַליזם. איינפלוסרײַכע אַמעריקאַנער ליבעראַלן וואָלטן שוין ביז איצט געוואונען דעם קאַמף, ווען ניט "זיי" מיט זייער ווילדער, אומגעצוימטער אַגיטאַציע, וואָס האָט אָפּגעשטויסן די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג. וויבאַלד די "רויטע" זענען אינדערמיט, וועט שוין דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער זײַן דערגעגן. דאָ דאַרף מען קעמפן אויפן באַזיס פון גערעכטיקייט, פון די עכט־אַמעריקאַנישע פרייהייטלעכע אינסטיטוציעס, און ניט אויפרייצן דעם המון. אירט זען מיין וואָרט — זיי וועלן די צוויי אָרעמע טייוולען אומברענגען. און איר מיינט — עס אַרט זיי אפשר? זיי דאַרפן נאָר אַ געלעגנהייט פאַר אַן אַטאַקע אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, און פאַר קרבנות שטעלן זיי זיך ניט אָפּ. גאָר פשוט — אַ באַנדע פּאָליטישנס פונם ערגסטן סאָרט. —

איבערן טיש האָט זיך פּלוצים אַריבערגעבויגן אַ פּנים מיט אַן אויס־נעקראָכענער ברעם איבער איינעם פון די אויגן.

— נו, גוט! — האָט דאָס פּנים געזאָגט מיט קאַלטער בייזקייט — פּאָליטישנס. אָבער זיי זענען אונדזערע פּאָליטישנס. וואָס האָט איר געוואָלט — מיר זאָלן זיך צוהערן צו אײַערע?...

און דאָס פּנים איז צוריק פאַרשוואונדן.

לאַפּידעס איז געבליבן געפּלעפּט. יאַלקוט האָט נאָכגעקוקט דזשייקן שטום און דאָרשטיק, און איבער זיין שטערן זענען געגאַנגען קנייטשן און כוואַליעלעך וואָס האָבן געוויזן בחוש ווי ער טראַכט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— איר הערט? מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין דערביי ווי עטלעכע קרעמער אויף בווירנסאַיד עוועניו האָבן זיך באַקלאָגט, אַז "מ'מאַכט קיין געלט ניט"; און אַז איך האָב זיי אַ פרעג געטון, וואָס הערט זיך מיט זייערע אַרבעטער, צי מאַכן זיי כאָטש אַ לעבן, האָבן זיי מיר נאַאיוו געענטפערט: "מיר ריידן ניט פון די אַרבעטער. זייער לאַגע — איז זייער זאַך..." איר פאַרשטייט? זיי האָבן אָן חכמות אויסגעשמידט פאַר די אַרבעטער דעמזעלבן לאַזונג וואָס יענע האָבן שוין לאַנג אויסגעשמידט פאַר זיך אַליין. און דער דאָ זאָגט: "אונדזערע פּאָליטישנס"... דאָס שטימט...

ער האָט צוגעגעבן פאַרטראַכטערהייד:

— לעצטנס קומט מיר אוים צו לערנען זייער פיל קלאָרע, פּשוטע זאַכן וואָס זענען גאָר ניט אַזוי פּשוט און וואָס פאַלן זיך ערגעץ צוזאַמען אין אַ גאַנץ בילד, ניטגעקוקט אויף זייער קלאָמערשטדיקער באַזונדערקייט און אָפּגעריסנקייט. נישמער — פונם לערנען ווערט מיר עפּעס ניט — ניטוואַרעמער... איז ווער איז שולדיק — די תורה צי דער לערנער? —

לאַפּידעס האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען. יונה מאַרגאָלים האָט אומגעדולדיק אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט: די שורה, די שורה זיינע האָט אים שטאַרק געמאַטערט! —



.8

באַ דער טיר פון דער קאַפעטעריע האָט זיך באַוויזן די מיסעס פיש פון בראָנקס. זי האָט זיך פונוווייטן באַגריסט מיט אַ שמייכל מיט איר דינסט נעטין, אויף וואָס פּיט מאָלדאַוואַן האָט זיך אָנגעכמורעט: ער האָט ניט געוואָלט לײַדן וואָס נעטי פריינטלט זיך מיט איר באַלעבאָסטע דער בורזשויקע. אָבער די מיסעס פיש איז צום טיש ניט צוגעגאַנגען, נאָר מיט אַ פינגער צוגערופן צו זיך יונה מאַרגאָלים. ער איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, קענטיק — נישטגערן.

— איר ווילט אפשר צוגיין מיט מיר זען אַ פּאָר פרויען פונם קאָמיטעט?

מאַרגאָלים האָט זיך פאַרקרימט:

— נ־ניין... איך בין ניט אויפגעלייגט.

טילי פיש האָט געקוקט אויף זיינע גרויסע, אָפּגעשטאַנענע אויערן, ווי זי וואָלט זיי וועלן אָנדרייען פאַר כעס, און אפשר האָט זי געוואָלט טון מיט זיי עפּעס אָן אַנדער זאַך.

די וועגן פון דער ווייבערשער נשמה זענען פאַרהוילן פונם מענטשנס אויג; דאָס הייסט, ניטאַזוי פאַרהוילענע ווי — קרומלעכע, אָט ווי די בראָנקסער גאַסן, וואָס אַז דו גייסט מיט זיי גלייך ווייסטו ערשט ניט ווי דוסט אַרויסקומען. די קליינע טילי פיש — אַ מיאוסינקע, אַ פּיקאַנטע און אַ קלוגע — האָט זיך געטראָפן מיטן פּאָעט ערגעץ אין אַ הויז, און דעמזעלבן אָוונט האָט ער זי באַגלייט אַהיים און באַ איר טיר זי אַרומגענומען און זי געוואָלט אַ קוש טון. טילי האָט זיך ניט געלאָזן. ער האָט געפּרואווט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און זי האָט פאָרט ניט געלאָזן. וואָס האָט זי געקאָנט טון? דאַרף זיך מאַכן, אַז גראָד דאָסמאָל האָט זי זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט באַ זיך אין דער היים געכאַפּט אַ שטיקל ציבעלע... וואָס זי האָט נאָכדעם ניט

צעטון, האָט זי ניט געקאָנט פּטור ווערן פונם ריח. נו, זי קאָן דאָך אים ניט לאָזן דערשפּירן פון איר דעם ריח פון ציבעלע! מאַרגאָלים האָט זיך אָנגעבלאָזן און זיך טרוקן צעזעגנט מיט איר. טילי האָט געשמייכלט: נישקשה, ער'ט זיך איבערבעטן. אדרבה, ס'איז נאָך בעסער — זאָל אים ניט אָנקומען אַזוי גרינג... אָבער מאַרגאָלים האָט זיך ניט איבערגעבעטן. זי האָט זיך מיט אים געטראָפן אַסך מאָל, נאָר ער איז געבליבן קאַלט און זיך געהאַלטן פונדערווייטן. טילי איז געוואָרן אומרואיק און איז אפילו אַ פּאָר נעכט ניט געשלאָפן. דערצו איז זי ניט געווען געוואוינט. פאַרקערט, זי האָט גאָר ליב געהאַט, אַז עמיצער אַנדערש זאָל איבער איר ניט שלאָפן. פאַר זיך אַליין האָט זי גאָר פיל ניט פאַרלאַנגט — בלויז אַז אַ מאַנסביל זאָל צוליב איר ניט קאָנען שלאָפן באַנאַכט. און דאָ — אַזאַ געשיכטע! טילי האָט געמאַכט אַ חשבון. טילי מאַכט אַלעמאָל אַ חשבון. זי האָט געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון ווייבער אויף אַרויסצוגעבן מאַרגאָליסעם ביכער. מאַרגאָלים איז מיט דער צייט געוואָרן אַביסל פריינטלעכער, אָבער ניט מער. טילי האָט געחלשט צו טרעטן מאַרגאָליסן מיט די פיס, נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געלאָזן, איז זי סוף כל סוף געקומען צו אַזאַ מדרגה אַז זי וואָלט זיך געלאָזן פון אים טרעטן מיט די פיס. און אפילו זיינע אומגעלומפּערטע אויערן — ניין, דאַווקע די אויערן — האָבן געוועקט אַ נאָגעניש אין איר האַרצן. —

— איז ווילט איר ניט, הייסט עס? — האָט טילי געזאָגט.

— ניין. און — וואָס איז היינט פאַר אַ צייט? אין אַזאַ טאָג קאָן איך זיך מיט קיין זאַך ניט פאַרנעמען. ווייסט איר וואָס? לאָמיר אַרויסגיין אויף בראָדוועי — זען וואָס טוט זיך אין די גאַסן.

טילים אויגן האָבן אויפגעשיינט.

— אָה, זייער גערן! —



.9

דזשייק בערעזע — אַ מענטש אַלעמאָל אָן אומרואיקער, אַ צערודערטער — איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי צערודערט ווי היינט באַנאַכט. וואָס, צום שוואַרצן יאָר, פּלוידערן זיי דאָ אַלע היינט באַנאַכט? און וואָס — צום שוואַר—צן — יאָר — אַרט עס אים אַזוי? וואָס גייען אים אָן אָט די צוויי איטאַליענישע יאָלדן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דער שפּינוועבס פון דער קאַפּיטאַליסטישער שפּין? דאָס זענען דאָך מלמדים! — הערט נאָר אַ לשון: "ווען מענטש איז געווען וואָלף צו מענטש!" — וואָלף?! וואַנץ איז "מענטש צו מענטש", און זויגן זויגט ער דאָס בלוט — טראָפּעלע נאָך טראָפּעלע — ווייל ער דאַרף "פּרנסה". אָה, געוויס! פון צייט צו צייט איז ער אַ וואָלף — אַ בלוטדאָרשטיקער, אַן אכזריותדיקער וואָלף, וואָס האָט סתם הנאה פון דעם אַנדערן מענטשנס יסורים. דאָס איז אַ פּע—פּע—פּע—פּראָ—בלעם! אַך, אָט די שווערע ווערטער! — אָבער אַ וואַנץ — זי זויגט זיך איין אַזוי, און זי זויגט זיך איין, און זי זויגט זיך איין, באשר בכן — זי וויל אונטערהאַלטן איר וואַנצישע עקזיסטענץ. וויאַזוי קריכט מען דערפון אַרויס? — אַך, דער קאָפּ!

ער איז אַרויס אויף דער גאַס.

אַרום עלף אַזייגער באַנאַכט איז דאָס געדריינג אויף די גאַסן געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די פּאָליציי האָט זיך דערשראָקן און לחלוטין אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. אָבער דער עולם איז געווען שטיל, אָנגעשטריינגט און האָט זיך ניט אויפגעפירט שלעכט — דער עולם האָט זיך איבערהויפּט ניט "אויפגעפירט": אויף יוניאָן־סקווער איז מען געשטאַנען שטום ווי די קלעצער און געוואַרט אויף עפּעס. אויף וואָס האָט מען געוואַרט? מ'האָט געוואַרט — מ'האָט געמיינט — דער גאָווערנאָר פוללער פון מאַסאַטשוסעטס — אַליין אַ "ליבעראַל" — כ—הם! — די גאַנצע זאַך איז בײַ אים אין די הענט — די גאַנצע זאַך בײַ איין מענטשן אין די הענט: וויל ער — קאָן ער זאָגן: "זאָלן זיי לעבן"; וויל ער ניט... — אָבער ווי איז עס מעגלעך

ער זאָל ניט וועלן? די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע לאַנד — אַזוי איז דער איינדרוק — ווילן אַז ער זאָל וועלן. דער גייסט פון אָט די צוויי מענטשן שוועבט איבער דער וועלט, און אַ וועלט איז דאָך עפּעס אַ וועלט! סאַקאָ-וואַנזעטי... צוויי נעמען ווי איינער... אָבער צוויי באַזונדערע מענטשן, צוויי דרכים. וואַנזעטי דערהייבט זיך צו דער שיינער פּראַזע: "אַ גוטער שוסטער און אַ שלעכטער פּישהענדלער". ער רעדט פאַר ביידן, וואַנזעטי. און סאַקאָ — שווייגט פאַר ביידן. אַ מענטש אַ פעלז. דזשייקן איז איינגעפאַלן: פאַראַן אַ נוסח און אַ טראָפּ אין שווייגן: איינער שווייגט מיט אַ פּזר, דער אַנדערער — מיט אַ שלשלת...

.10

אַ זייגער ערגעץ אויף אַ טורם האָט אויסגעשלאָגן צוועלף. —

אַלע האָבן געהערט. יוניאָן־סקווער איז געווען כמעט שטום. די סטריט־קאַרס האָבן געקלונגען און געקלונגען — און סוף כל סוף געמוזט בלייבן שטיין: ס'איז אוממעגלעך געווען דורכצושניידן דעם געפּאַקטן סקווער. צוועלף אַזייגער — און פון גאָווערנאָר פוללער הערט מען ניט. דאָס הייסט — דאָס מיינט — דאָס באַטייט —

אַ ציטער — אַן אומזיכטיקער ציטער, פאַרבאָרגן פון מענטשנס אויג, איז געלאָפן איבער אַלע עלעקטרישע דראָטן איבער דער גאָרער וועלט: "דער שטראָם איז געעפנט". אין די רעדאַקציעס פון די צייטונגען האָט מען דאָס שווייגנדיק געלייענט, נאָר דער עולם אויף די גאַסן און סקווערן האָט זיך בלויז אָנגעשטויסן. בײַ יאַלקוטן האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס צעפּל אויפן קאָפּ. נעבן אים, בײַ דער טיר פון דער קאַפעטעריע, האָט זיך די לאַנגע פיגור פון דזשערעמאַי ווילסאָן אויסגעצויגן משונהדיק לאַנג. דער נעגער ליוק האָט געשוויצט קאַלט און קלעפּיק, ניטגעקוקט אויפן הייסן אָוונט. דזשייק בערעזע איז ערגעץ נעלם געוואָרן. —



אין שטעטל טשאַרלזטאַון, בײַ באָסטאָן, איז פאַראַן אַ געביידע וואָס אַרבעטער האָבן אויפגעבויט מיט זייערע אייגענע הענט — צו וואָס האָבן זיי דאָס געטון? צו וואָס האָבן זיי אַזוי טעמפּ און געדולדיק געלייגט אַ ציגל צון אַ ציגל? — און אין יענער געביידע, און אין אָנגעזיכט פון דער גאַנצער וועלט, פאַרברענט מען איצט — האַלט מען אין פאַרברענען — לעבעדיקערהייט צוויי פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן... וואָס זענען... וואָס ווילן...

פינף מינוט נאָך צוועלף. —

צען מינוט נאָך צוועלף. —

פופצן מינוט נאָך צוועלף. —

אַכצן מינוט נאָך צוועלף האָט פּלוצים אַ מעגאַפאָן אַרויסגערעדט פון אַ פענצטער פון "לינקן צענטער", איבער אַלעמענס קעפּ — אַרויסגערעדט איינגעהאַלטן, טרוקן, וואָרט בײַ וואָרט:

— סאַקאָ — וואַנזעטי — טויט.

אַ סעקונדע שטילקייט. דער עולם — שטומט, ווי עמיצער וואָלט אים אָנגעכאַפּט בײַ זיינע טויזנטער גאָרגלען. דערנאָך האָט דער מעגאַפאָן, אין דעמזעלבן טרוקענעם, זאַכלעכן טאָן, צוגעגעבן:

— סאַקאָ — געהאַלטן — שטראָם — עלף מינוט.

די קאָנקרעטע דעטאַיל האָט אויגנבליקלעך לויזגעמאַכט די שטימבענדער. קיינער איז שפּעטער ניט געווען אימשטאַנד אָפּצוגעבן אַ קלאָרן און גלויבלעכן באַריכט וועגן דעם, וואָס אויף יוניאָן־סקווער איז פאָרגעקומען. אַ מישענינע פון מענטשלעכע פויסטן, הענט, קעפּ, פיס און אַנדערע איברים. אַ גאָרגלדיק רעווען ווי פון אַ וואַסערפאַל. פון צפון-מערב, ערגעץ פון טאַימז־סקווער, האָבן געגרייכט אַהער אָפּגעריסענע רעוואָלווער־שאָסן. אין אַ ווינקל פון סקווער האָט דער נעגער

ליוק זיך געוויגט אויף די אייזערנע גראַטעס, מיט די הענט אויפגעהויבן הויך איבער זיין קאָפּ, מיט די ווייסלעך פון זיינע אויגן אַרויסגעשאָסן פאָרויס, און פון זיין מויל האָבן געשטראָמט קללות און חרמות — ווי אַ תוכחה פון מויל פון זיין פּאָטער אויף זינדיקע קעפּ: "דהי קוירס אַ'גאַד, דהי גאַד אָוו אייברעהעם, אייזעק ענ' דזשייקאָב, שעלל פּאָלל אַפּאַן יאָור העדס, ענ' שעל היז ראַטה פּוירסו יו, יו דעבלז אין דהי שעיפּ אַ' מען, פּאָר עווער 'נ' עווער, איי־מען!"... נישט ווייט פון אים האָט דזשייק בערעזע געכריפּעט מיט קאַלטער רציחה: "עלף מינוט האָבן זיי געבראָטן זיין אינגעווייד—עלף מינוט! אָל־ראַיט — מירן עס געדיינקען. מירן עס זיי אַזוי גיך ניט פאַרגעסן! מירן עס ניט פאַרגעסן ביז — ביז פון זיי וועט קיין זכר ניט בלייבן אָט דאָ אויף דער ערד! זאָלן זיי גיין אויפן הימל — מ'דאַרף זיי נויטיק האָבן אויפן הימל!" — דזשייק האָט שוין ניט געוואוסט וואָס ער רעדט. דער פּאָליסמאַן האָט אויך ניט געוואוסט וואָס דזשייק רעדט, נאָר ער האָט זיך מיט שיכורע, אַרויסגעקראָכענע אויגן אַ וואָרף געטון צו דזשייקן. דזשייק האָט זיך אינסטינקטיוו און אויגנבליקלעך אונטערגעטוקט אונטער קעפּ, הענט, אָרעמס. אינגאַנצן געהאָלפן האָט עס אים ניט: דעם פּאָליסמאַנס שטאָק האָט אים געטראָפן אין אַן אַקסל. אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט דער ביינעריקער, סקעלעטישער פויסט פון דזשערעמאַי ווילסאָן מיט אַ "קראַך!" דערלאַנגט דעם פּאָליסמאַן אין אַ זייט פון פּנים. אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט פּיט מאָלדראַוואַנס פויערשער פויסט מיט אַ שווערן „טיאָפּ!" געטראָפן דעם פּאָליסמאַן אין דער אַנדערער זייט פון פּנים. אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט נעטי־נאַסטיאַ אַ שלעפּ געטון פּיטן אָן אַ זייט מיט דער גבורה פון אַ שטאַרקער און פאַרצווייפלטער "שיקסע", שיפּענדיק דערביי אויף איר היימישן לשון: "דו־ו־רען טי! קודי טי, קיקימאָראַ, לי־י־זעש! . . . " אין דעמזעלביקן אויגנבליק האָט אָפּגעהילכט דער געשמאַקער "טיאָפּ־טיאָפּ" פון פערדישע קאָפּיטעס אונטער אַ סקוואָד פּאָליציי פון דער זייט פון בראָדוועי, און דער דראָענדיקער, האַרט־מעשענער "ד־דזינן" פון אַ פייערלעשער־וואָגן — פון דער פערצנטער סטריט אַרויס. —



.11

שפּעט באַנאַכט איז יאַלקוט געפאָרן צו זיך אַהיים קיין ברוקלין מיט ן'ער "איי־אַר־טי", אַ צעקנייטשטער, אַ צעקוועטשטער, אַ דערשראָקענער פאַר דער אומבאַגרעניצטער רשעות פון מענטשן. נעבן אים איז מיטגעפאָרן יעקב לאַפּידעס און אונטערן מעטאַלענעם גרילץ פון דעם סאָבוועי־צוג האָט ער געעקבערט יאַלקוטן אין אויער אַריין:

— האָב איך ניט געזאָגט, האָב איך ניט געטענהט אַז די לייט וועלן מיט זייער טומלען אומברענגען די צוויי אָרעמע איטאַליענער!... איר זעט דאָך אַליין. איר —

יאַלקוט איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון זיין זיץ:

— פּליז, לאַפּידעס, פּלי־יז! לאָזט מיך צורו!... לאָזט—מיך — צו—רו!...

* * *

שפּעט באַנאַכט האָט יונה מאַרגאָלים געשריבן עפּעס בא אַ טישל אין אַ האָטעל, און טילי פיש איז געזעסן אויפן בעט אַ דערשראָקענע און אַ גליקלעכע און האָט געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן. מאַרגאָלים האָט אַוועקגעלייגט די פּען און איבערגעלייענט אויף אַ קול:

**אָה, עלף מינוט איז אַ לאַנגע צייט, ◈ און דער טויט — אַ ווייטער וועג. ◈ עס שווימט מיין שיף אין אַ ים פון פּיין ◈ שוין עלף גיהנום־טעג. ◈ אָה, וואַכמאַן אויפן זעגלבוים — ◈ ווען קומט די מוטער נאַכט אַרויס ◈ און דעקט אונדז מיט איר מאַנטל צו, ◈ אין שטום־און־טויב־און בלינדער רו, ◈ אין קבר־קאַלטן שוים!..."**

מארגאַלים האָט געטראַכט א ווײַלע מיט א פאַרקנייטשטן שטערן.

— ענגליש . . . קיפּלינגיש . . . שלעכט !

ער האָט מיט כעס אוועקגעוואָרפן דאָס פּאַפּירל און איז אַרויפגעפאַלן אויף טילין ווי א וואָלף. —

* * *

* * *

שפּעט באַנאַכט האָט דזשייק בערעזע, אין זײַן צימער אויף עלדרידזש סטריט, אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער, האָט אויסגעדרייט דעם גאַז און זיך א וואָרף געטון אויף זײַן בעטל מיטן פּנים אַראָפּ. ער האָט געהאַט א רגילות צו שלאָפן מיט א קישן אונטערן בויך און מיטן פּנים נידעריקער פון גוף : די פּאָזיציע האָט געשטילט אין אים עפּעס אַזעל־כע נאָגנדיקע ווייטיקן וואָס האָבן שטענדיק אַרומגעבלאָנדזשעט אין זײַן אינגעווייד און זי האָט אויך באַזעסן די קראַפט צו שטילן אביסל דעם כעס וואָס האָט נאָכאַנאַנד געשרפעט זײַן האַלדז און זײַן גומען. ער אַרײַנגעזונקען ערגעץ אין א תהום—און איז תיכף אַרויפגעשוואו־מען צוריק אויף דער אויבערפלאַך, ווײַל עמיצער האָט אַרויפגעלייגט א האַנט אויף זײַן אַקסל. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט געזאָגט :

— וואָס־זשע — שוין צײַט ?

יענער האָט געשוויגן, און זײַן שווײַגן איז געווען אַן ענטפער. "דער וואָרדן", האָט דזשייק א טראַכט געטון קוקנדיק אויף יענעמס מע־טאַלענע קנעפּ. בײַ דער אָפענער גראַטע פון דער צעל איז געשטאַנען דער וועכטער מיט די שליסלען אין האַנט, געשטאַנען, א שטומער מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, און זײַן שווײַגן איז געווען אין דעמזעלבן נוסח ווי דעם וואָרדנס. זיי זענען דורכגעגאַנגען א לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר וואו עס האָט אויף א סטענדער געצאַנקט א יאָרצײַטליכט — יאָ־יאָ, א שטיקל סטעאַרין־ליכט אין א גלאָז מיט בוימל. מ'זשאַ־לעוועט עלעקטריע, זשאַלעוועט מען—מ'דאַרף זי אויף עפּעס אַנדערש... דערנאָך איז מען זיך פּאַמעלעך אַרײַנגעקומען אין א גרוים, פּירקאַנטיק



צימער אָן פענצטער, און דזשייקס אויג איז צוערשט געפאַלן אויף א שוואַרצן אײַזערנעם שטול — "אהא . . ." — וואו דער תליון האָט זיך געמיטלעך געפּאַרעט מיט עפּעס קייטלעך און קנעפּלעך, דערנאָך אויף א דריי־פיר מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אָן א זייט און האָבן גע־שמועסט אין דער שטיל.

— סאַקאָ־וואַנזעטי, — האָט דער וואָרדן געזאָגט צו דזשייקן, — מיר האָבן דאָ פאַר אײַך א רעווערענד, א דזשואיש ראַבאַי, האָבן מיר דאָ — ער וועט עס אײַך מאַכן כדת משה וישראל. —

דער ראַבאַי איז געווען אויף רעדלעך. דער וואָרדן האָט אים א שטופּ געטון פון הינטן און דער ראַבאַי איז אונטערגעפאָרן צו דזשייקן.

— סאַקאָ־וואַנזעטי ! — האָט דער ראַבאַי געזאָגט : — בע־בע־בע־בע-בע ! . . .

דזשייק האָט אים אָנגעקוקט נײַגעריק און שטום, ווײַל וואָס זאָל ער דערויף זאָגן ? . . .

דער תליון האָט א פאָר געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים פונם ראַבאַי, אָטאַזוי־אָ איבער די אויגן און דער נאָז, און האָט אים אָפּ־געשטופּט צוריק צו דער וואַנט. דער ראַבאַי איז געבליבן שטיין אויף זײַנע רעדלעך, א שטייפער און אָן אומבאַוועגלעכער. טשי־קאַווע ! — האָט דזשייק א טראַכט געטון.

— סאַקאָ־וואַנזעטי ! — האָט דער תליון געזאָגט צו דזשייקן מיט אַזאַ פאָרנעמער, אַריסטאָקראַטישער מינע. — סאַקאָ־וואַנזעטי, זעץ זיך אין טשער, זײַ מוחל . . .

— אָך, מיט אַלע כבודן ! — האָט דזשייק געענטפערט אין דעמזעלבן אַריסטאָקראַטישן טאָן און האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם האַרטן, קאַלטן שטול. און דזשייק האָט זיך געוואונדערט : פונוואַנען האָט זיך עס צון אים גענומען אָטער אַריסטאָקראַטישער טאָן ? . . . שוין־

זשע פון זיין טאטן דעם מלמד, וואס האט אזוי פיין געגריזשעט א געליענע באם שכן קארענע שישקע, דארט אויף יענער זייט ים, אזוי ארום דאנערשטיק אוונט, ווען דאס אייגענע ברויט האט שוין אויסגעפעלט? זיין געדאנק האט דערוויילע אוועקגעוואנדערט אן א זייט: אט דער שכן, למשל, בא וועמען זיין מאמע האט געבארגט די שישקע — וואו האט ער זי גענומען? ... איז, ט׳אפנים, דער חשבון אזוי: איין וואך האט אויסגעפעלט באם טאטן — און דער שכן האט נאך געהאט, און אויף דער צווייטער וואך —

— אוי! — האט דזשייק זיך אליין איבערגעשלאגן די געדאנקען. — האט קיין פאריבל ניט, ר׳ תליון, אט דער אקסל מיינער... שפארט זיך ניט אן אויף אים, איך בעט אייך: ער איז בא מיר א צעקלאפטער, איז ער בא מיר...

דער תליון, וואס האט אים שוין געהאט צוגעבונדן די פיס צו די פיסלעך פון אייזערנעם שטול, האט איצט איינגעצויגן דזשייקס ארעמס צו די אנליינס פון דעמזעלבן שטול, און דערביי האט ער זיך אנגעשפארט מיט א האנט אויף דזשייקס קראנקן אקסל.

— דער אקסל מיינער... ער טוט מיר וויי — האט דזשייק דעליקאט געזאגט. אז זיי זענען דא אלע אזוי העפלעך!

דער תליון האט ווי ניטגעהערט און ווייטער געהאלטן זיין האנט הארט און שווער אויף דזשייקס אקסל.

— ה־האט קיין פאריבל ניט... — האט דזשייק נאכאמאל אנגעהויבן — און איז פלוצים געבליבן שטום. דער תליון האט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין מיט אזא מין רשעותדיקער פרייליעכקייט, מיט אזא חיה-רעהשער הנאה, אז דזשייק האט פארשטאנען: דאס איז ניט קיין שפיל אזא — דאס ברייינגט מען אים אום — דאס וועט מען אים באלד נעמען דאס לעבן, פשוט טויטן אים, הייסט עס! ... בא דזשייקן איז אויסגעקומען, אז דאס איז א גוואלטיקע עולה און אן אוממענגלעכער אומזין: אן אנדערער, פונקט אזא מענטש ווי ער,



האט באשלאסן אז ער, דזשייק, דארף מער ניט לעבן, אז ער האט שוין גענוג געלעבט, אז פון היינט אן און ווייטער זאל ער שוין זיין א טויטער. אבער פון וואנען ווייסט ער דאס און וויאזוי קאן ער דאס באווייזן — עס האט דאך געקאנט זיין פונקט פארקערט: אז אטדער מענטש זאל זיצן אין טשער און דזשייק זאל זיך פארען איבער אים! ... די האר האבן זיך אויפגעשטעלט בא דזשייקן אויפן קאפ און דאס בלוט האט גענומען קילן אין זיינע אדערן. דער תליון האט אים אנגעטון אויפן קאפ אזא אייזערן מיצל און האט שוין אנגערירט מיט א פינגער אזא קנעפל אויף דער וואנט, נאר דא איז צוגעקומען איינער פון די מענטשן מיט א נאטיץ־ביכל און א פען אין דער האנט און האט געזאגט צו דזשייקן:

— סאקא־וואנזעטי: איך בין א פארשטייער פון דער פרעסע. דאס פובליקום האט א רעכט אלץ צו וויסן. סאקא־וואנזעטי! — האט ער פייערלעך אויפגעהויבן זיין שטים און געטייטלט אויף דזשייקן מיט דער פען: — אין דעם איצטיקן לעצטן מאמענט פון אייער לעבן באשווער איך אייך אין נאמען פון דער גאנצער געזעלשאפט, איר זאלט זאגן דעם אמת, דעם גאנצן אמת און נאר דעם אמת: וועלכע קלינגלעך פלעגט איר געברויכן אין אייער גאלמעסער: דזשילעט? — דזשעם? — אדער אן אנדער פירמע? — ענטפערט!

— דזשי—דזשילעט... — האט דזשייק געענטפערט מיט ציטערדיקע ליפן. — ניין, דזשעם... ניין, איך... איך געדיינק ניט! ...

״ער געדיינקט ניט״, האט דער רעפארטער געזאגט און פארצייכנט עפעס בא זיך אין ביכל. ״ער געדיינקט ניט״, האט דערווארדן געזאגט. ״ער געדיינקט ניט״, האט זיך אנגערופן דאס גאנצע רעדל מענטשן וואס איז געשטאנען אין א ווינקל פון צימער. ״ער געדיינקט ניט״, האט געזאגט דער תליון. דער רעפארטער האט זיך אומגעדרייט אויף איין פוס מעכאניש, ווי א טיר אויף א שארניר, און איז פארשוואונדן ערגעץ אן א זייט פון דזשייקס אויג. דער תליון האט אנטשלאסן א דריי געטון דאס קנעפל אויף דער וואנט, האט צוריק ארויפגעלייגט זיין לינקע האנט אויף דזשייקס צעשלאגענעם אקסל און האט

אים פארקוקט גליַיך אין די אויגן אריַין — חוצפהדיק, פריילעך און
זשעדנע. דזשייק האָט אָטדעם בליק ניט געקאָנט פארטראָגן און האָט
פארמאכט די אויגן . . .

. . . קליינע, ווארעמע שטראָמעלעך האָבן ווי א שוויים גענומען לויפן
איבער זיַין הויט. דאָס איז גאָר ניט אזוי שרעקלעך. דאָס איז גאָר
— המ . . . — עפּעס אזוי ווי אָנגענעם. ניין, ס׳איז ניט אזוי: ער־
טערווייז בלייבן גרעסערע טראָפּנס שטיין אויף איין פּלאַץ און די הויט
הויבט אָן צו בייסן. איז עס שוין ניט אזוי אָנגענעם. עס בייסט ערגעץ
אין פּלייצע, עס בייסט אונטער א פּאכווע, עס בייסט אים אויף [illegible]ער
רעכטער לענד, עס פייערן אים די אויערן ווי נאָך א צייט אויף א
שטארקן פראָסט און עס ברענט שוין איצט די גאנצע הויט זיַינע פון
אָט די בייסיקע שטראָמעלעך, און א ריח אזעלכער האָט זיך אָנגע־
הויבן שפּרייטן ארום אים, א פּאסקודנער ריח — ניט דוקא פון שוויים,
נאָר עפּעס א גאָר־מאָדנער ריח — פּ־פּע! אָנדאָרטן אויף דער לענד
זיצט א טראָפּן און עסט זיך איין אינם וויַיכן פלייש און רייצט עס
און שטעכט. דאכט זיך — א קליַיניקייט, אָבער עס לאָזט ניט אָפּ אויף
קיין רגע, און עס ווערט פּשוט אומדערטרעגלעך. ווען ער זאָל נאָר
קאָנען דערלאנגען כאָטש מיט א פינגער אויף יענעם פּלאַץ, אָדער
כאָטש איבערבייטן די פּאָזיציע אויף אָן אויגנבליק! אָבער אחוץ
וואָס ער איז אזוי פעסט צוגעבונדן צום שטול, זענען איצט אַלע זיַינע
גלידער ווי אָנגעגאָסן מיט — מיט הייסער סמאָלע צי וואָס, און ווי
ער שטריינגט ניט אָן זיַין גאנצן גוף, גיט ער זיך ניט א ריר אפילו
פון אָרט. ער מוז עפּעס טון. ער וועט בעטן דעם תּליון ער זאָל אים
א קראַץ טון אויף יענעם פּלאַץ, אָבער ער האָט מורא צו באגעגענען
יענעמס אכזריותדיקן בליק — געזען א תּליון זאָל זיַין אזא רוצח!
דאכט זיך, פארקערט — א תּליון דארף זיַין א — אך! . . . —

ער האָט זיך מער ניט געקאָנט איַינהאַלטן און אויפגעעפנט די אויגן
— נישטאָ! דער תּליון איז פארשוואונדן, דער וואָרדן איז פאר־
שוואונדן, דאָס גאנצע צימער איז ערגעץ פארפאלן געוואָרן, און מ׳זעט
גאָר־גאָרניט — ס׳איז שטאָק פינצטער! די גאנצע הויט זיַינע ברענט
אזוי ווי אין פייער, דער אקסל ברעכט און רייסט און צופּט, און עס



קלינגט נאָכאנאנד אין אויער — און דזשייק איז פּלוצים מיט א קרעכץ
אראָפּגעשפּרונגען פון בעט. —

ער לעבט, אה? . . . ער האָט אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער א שווע־
בעלע אויפן טיש, האָט עס אָנגעריבן און מיט ציטערדיקע פינגער
אויפגעדרייט דאָס קרענטל פונם גאז אויף דער וואנט. א פלעמל איז
ארויסגעשפּרונגען פון קרענטל, האָט טראכאָמיש־רויט א קוק געטון
אויפן ברודיקן ליַילעך פון בעט, און דאָרט איז תּיכּף געוואָרן א
מהומה: א גאנצע מחנה קליינע טונקל־ברוינע פּלעקן האָבן פּלוצים
אויפגעלעבט און גענומען לויפן אין א פּאניק אין אַלע זייטן, צו אַלע
ברעגן פון בעט, אונטערן קישן, צו טונקלען הינטערגרונט, אומעטום
וואו מ׳האָט געקאָנט געפינען עפּעס "דעקונג" אָדער קאמופלאזש, ווי
סאָלדאטן אונטער א באָמבארדע. אין דזשייקן האָט די גאנצע אימה פון
זיַין חלום אויגנבליקלעך אויפגעריסן אין א ברענענדיקן כעס. ער האָט
זיך א וואָרף געטון אויפן בעט און זיך גענומען יאָגן נאָך די וואנצן,
געקוועטשט און געריבן מיט רציחה און געקריצט מיט די ציינער:
"איר לויפט, אה? . . . איר ווילט לעבן, אה? . . . אויף מיַין בלוט
— אויף מיַין בלוט, אה?" . . . . א משוגענע האַלב־נאקעטע חיה אין
שמוציקן וועש, מיט רויט־אָנגעלאָפענע אויגן און צעשויבערטע האָר,
איז ארומגעקראָכן איבערן בעט אינם קראנקן ליכט און דער פאר־
שטיקטער לופט, און רויטע פּלעקן זענען ארויסגעטראָטן אויפן ליַילעך
איינער נאָכן צווייטן און א פּאסקודנער, עקלדיקער ריח האָט זיך פאר־
שפּרייט אין דער לופט ארום און ארום. אָבער וואנצן זענען אַלץ גע־
לאָפן און געלאָפן אין אַלע זייטן, און עס האָט גאָרניט גענומען קיין
עק צו זיי, און עס איז געווען אוממעגלעך זיי אַלעמען אויסצוראָטן.
דזשייקן איז געוואָרן איבלדיק צום ברעכן. ער איז אראָפּגעשפּרונגען
פון בעט, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, געסטראשעט מיט א פויסט
די וואנצן און די גאנצע וועלט און געכריפּעט אין דער שטילקייט פון
דער נאכט:

— דעמ־יו! דע-עמ־יו! א נ־ניכפּע זאָל אויף אייך אַלעמען אָנקו־
מען! —

## ש. מילער

# דער ויכוח

"תלמידי אהרן ברי שלמה ז״ל".
"אני, איך, דיין רבי רב מענדל, דאַרף דיך זען, זייער נויטיק".

אהרן לוריע — געבוירן און אויסגעוואַקסן אין סמאָלדאַראָוו, אַ תלמיד, אַ גמרא־אינגל, ביי מענדל דעם גמרא־מלמד — איצט פֿאָלקסאויספֿאַרשער אין קרייזגעריכט, האָט געטאַפּט דאָס ביליקע, גרינלעכע, געווירעטע שטיקל פּאַפּיר, געקוקט אויף די דריבנע רשי־כתב־אותיות. מאָדנע. עטלעכע יאָר געלערנט ביים רבין רב מענדל און אים קיינמאָל ניט געזען שרייבן, דאָך צווייפֿלט ער ניט — דאָס כתב איז זיינס. אָט דער אלף, די שפּיציקלעך, היינט דער נוסח... תלמידי... אהרן וויל זיך דערזען מיט אכצן יאָר צוריק, — אכצן? יאָ, ביי אכצן יאָר — און קאָן ניט, קאָן זיך ניט זען אַלס תלמיד, וואָס זיצט אויף אַ באַנק, לערנט גמרא ביי אַ רב מענדל... וואָס אכצן? אפשר הונדערט יאָר אין דעם, און דער רב מענדל לעבט נאָך, און גמרא... קאָמיש. אהרנס אויג טראָגט זיך איבער צו די אַקטן אויפֿן טיש. געקומען מסתּם וועגן אָט די... זיינע סמאָלדאַרעווער. פּאַסקודסטווע. אינערלעכע שונאים! וואָלט עס כאָטש געווען אַ שונא מיט אַ ביקס. דאָ — לייז. מיט יענע זיך געשלאָגן, די... דערגייען די יאָר. קאָמאַרעס — און גיי יאָג זיך נאָך אַ קאָמאַר מיט אַ ביקס. דאָס לעבן



פֿאַרביטערן זיי אָבער, אָט די קאָמאַרעס. דאָרט — געדאַרפֿט זוכן אַ אידן, און דאָ...   עס ווימלט פּשוט. פּאַסקודסטווע. אים ניט צולאָזן, דעם אַלטן... וואָס האָט דער אַלטער נאָר צו טון מיט זיי? געווען אַן ערלעכער איד, אַ איד אַ בטלן, האָט דאָך אפילו קיין שכר־לימוד ניט געוואָלט נעמען פֿאַר... אַ גוט אינגל. ווי ער האָט עס הנאה געהאַט פֿון אַ גוט אינגל! אים, אהרנען, האָט ער דאָך אפילו קיינמאָל ניט אָנגערירט, און ווען האָט ער יאָ געשלאָגן? וואַרט, שמואליק ביקן האָט ער יאָ אַמאָל געשלאָגן, דערלאַנגט מיט דער גמרא איבערן קאָפּ, און נאָכדעם אַזש געציטערט, שיר ניט געוויינט. אַ קאָמישער אַלטער. וועלן אויף אים אַ קוק טון.

— נו, רוף אַריין דעם אַלטן, — באַפֿעלט אהרן ניט אָן אַ שמייכל.

דער וועכטער באַ דער טיר האָט אַריינגעלאָזט מענדל דעם מלמד, און ווען דער "האַלבער אַדוואָקאַט" ניאָמע העכטמאַן, ווער סמאָלדאַראָוו האָט געשיקט אַלס בעל דברן, דעם "אהרן" צו דעם "משה", האָט זיך אויך געוואָלט נאָכלאָזן, האָט אים אָן אָרעם פֿאַרצאַמט דעם וועג, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אָפּציען פֿון דעם געזונטן אָרעם, עפֿענען אַ מויל, איז פֿאַר זיין נאָז אויסגעוואָקסן אַ פֿאַרמאַכטע טיר. מענדל דער מלמד האָט זיך אומגעקוקט. ניט דערזעענדיק זיין באַגלייטער, האָט ער זיך דערפֿילט ווי אַ קינד ווען די ניאַנקע האָט אַריינגעלאָזט אין אַ גרויסער שטוב צו פֿרעמדע מענטשן און אַליין זיך באַהאַלטן. דער "באַלעבאָס פֿון דער גרויסער שטוב" ווייזט זיך אויס צו זיין אַ גאַנץ פֿריינטלעכער מענטש. ער שטעלט זיך אויף, ציט אויס די האַנט: שלום עליכם, רבי! באַמערקט אַ פֿאַרווירטן, זוכנדיקן קוק, באַרואיקט ער: קענט זיצן אין היטל. זיצט!

אהרן לוריע האָט באַטראַכט דעם אַלטן. דערזעלבער אַסקעטישער פּנים, מער ניט — די באַקן אַביסל מער איינגעפֿאַלן, פֿאַרלוירן די פּאָר ציין מסתּם, דאָס מויל "קייט" די גאַנצע צייט, און די אויגן אַביסל קלענער, האַלטן אין איין טרערן. ווי ווינציק זיך געביטן! אפילו דאָס גרינע, סאַמעטענע היטל דאָסזעלבע. מלחמה, פּאָגראָמען, רעוואָלוציע, פֿאַר זיי — גאָרניט. געשטאַנען אָדער געליגן איינגענורעט דעם

קאָפּ, די צייט איז פאַרביינגעלאָפן, ניט אָנגערירט אפילו, פאַרגעסן אָן זיי, זיי אָן איר. לעבן, וועלן ווייטער לעבן, זיך ניט ענדערן. בלויז מיר, יונגע, לויפן דער צייט אַנטקעגן, און די צייט שמייסט אין פּנים, לאָזט שניטן, קריצן. ער — אַ זקן אין פאַרגלייך מיט אָט דעם אַלטן.

— כ׳וואָלט דיך ניט דערקענט! — פאַרוואונדערונג און אויך אַ געוויסע הנאה הערט זיך אין די ווערטער.

שמייכלט אהרן.

— אויסגעוואַקסן! און איר, רבי, האָט זיך ווינציק וואָס געביטן. אפילו די פּאַטשיילע דיזעלבע.

מענדל דער מלמד האָט אין פאַרווירונג געשלעפּט די רויטע פּאַטשיילע מיט די שוואַרצע פּינטעלעך, געווישט די טרערנדיקע אויגן, אויסגע־ווישט, געכאַפּט אַ קוק אָן אַ זייט, אפשר איז ניאָמע דער בעל דברן אריינגעקומען.

— איך? וואָס, שוין אויסלעבן די פּאָר יאָר וואָס איז באַשערט.

— ווי אַלט זענט איר דען?

— דעם פּסח מיר געוואָרן ניין און זיבעציק. און דו, קיין עין־הרע, אויסגעוואַקסן. שווער צוקומען צו דיר.

אהרנען איז געפעלן געוואָרן דער איבערנאַנג פון דעם אַלטן.

— אָבער אז מ׳ניט כאַבאַר לאָזט מען צו, וואָס?

— כאַבאַר!

— נו יאָ, עס מוז ניט זיין געלט. „תלמידי" איז אויך כאַבאַר . . .



„סענעקאַ קומט צו זיין תלמיד נעראָ" — לויפט דורך אַ געדאַנק ביי אהרנען.

— אָן אַנדערן וועט מען ניט צולאָזן, און אייך יאָ. פאָרט אַ רבי. אפילו אחר האָט אָפּגעגעבן כבוד זיין רבין. — הערט דער אַלטער מענדל ווי די סמאָלדאַרעווער אידן טענהן מיט אים איין אַז דאַווקע ער זאָל פאָרן. כאַבאַר רופט ער דאָס.

— אָט דאָס מיינסטו? — זאָגט ער ארויס, ווי איינער רעדט: אויך מיר כאַבאַר!

— און צוליב וואָס איז דער רבי געקומען? דאָך ניט סתם געוואָר ווערן וואָס זיין תלמיד מאַכט. „נעראָ פאַרמשפּט סענעקאַן" שלעפּט זיך נאָך זיין געדאַנקען־פאָדעם.

— איך בין געקומען מכוח די אידן, די . . .

— אהאַ, געקומען זיי ארויסראַטעווען פון גויאישע הענט . . .

עפּעס גרויסהאַלטערישעס האָט דער רבי דערפילט אין דעם האַלב־שפּאַסיקן טאָן מיט וועלכן דער תלמיד זיינער האָט צו אים גערעדט, און ער ענטפערט:

— די הענט, זע איך, זענען דאַווקע ניט ידי עשיו, דערפאַר אָבער איז דאָס קול ניט קול יעקב . . .

אהרן לוריע דערפילט די שפּילקע, פאַרטושירט עטוואָס דעם שפּאַסיקן טאָן און פרעגט:

— און וואָס זאָגט רב יעקב?

— רב יעקב, — האָט דער אַלטער מענדל געצויגן, — רב יעקב וויל וויסן פאַרוואָס האַלט מען זיי, די אידן?

— פאַר זייערע מעשים טובים.

אָפּענער, ביטערער שפּאָס.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן די טרערנדיקע אויגן, געקוקט אויפן יונגנמאַן פאַר זיך און גערעדט מיט אַ סודותדיקן טאָן :

— און דער שכר ?

דער סותרדיקער טאָן, די טרערנדיקע אויגן, דער איינגעשרומפּענער, דאַרער איד וועקט רחמנות. צו דערזעלבער צייט שטייגט אַ שנאה־כוואַליע וואָס פאַרדעקט דאָס רחמנות־געפיל, דערטרינקט עס. וואָס וויל ער ? קליאַנטשען ? אונטערקויפן ? מקיים זיין פדיון־שבוים ? ווער ווייסט, אפשר מיט דערזעלבער רויטער פאַטשיילע געגאַנגען קלייבן געלט "אַריינצושטעקן דעם אדון אין דער יד". אהרנס קוק ווערט פינצטערער, אַרום די מויל־ווינקלען פאָרמירן זיך צוויי בערגלעך פון געצוואונגענעם ניטעפּענען דאָס מויל, ניטאַרויסשרייען : אַרויס פון דאַנען ! אַרויס ! דער אַלטער פילט דאָס שווערע, אָנגעשטריינגטע שווייגן, ער איז געצוואונגען ברעכן דאָס שווייגעניש.

— מ'שמועסט, אַז מ'האַלט זיי פאַר מורד במלכות זיין. שיסן . . .

דער שנאה־געפיל אין אהרן לוריע רייסט זיך אַרויס, אויסשניידנדיק אַ שאַרפן שמייכל אַרום מויל.

-- שיסן ? ניין. אַ שאָד דאָס ביסל בליי. דאָס באַהאַלטן פאַר . . . פאַר מענטשן.

די קאַלטבלוטיקע איראָניע ווערט דערשטיקט פון אויפריכטיקער אויפ־רעגונג.

— פאַר זיי, פאַר אָט די מייז איז אַביסל סם אויך גענוג.



— סם ? !

— סם ! סם ! — האָט שוין אהרן כמעט געשריגן. — אַזעלכע מייז ! טאָ ליגט אין די נאָרעס ! איז ניין — האָבן שאַרפע ציין.

— מייז, מייז, — ברומט דער אַלטער מענדל צו זיך אין באָרד אַריין, געמט־אַרום די באָרד ווי ער וואָלט וועלן באַהאַלטן די "מייז", נאָרוואָס אַריינגעברומט אהין און ריכט די אויגן צו אהרנען. — און אַז מייז ? אַ מויז איך אויך גאָטס אַ באַשעפעניש, וויל אויך לעבן, און אַז דער מענטש האָט זי פאַרטריבן אין אַ לאָך האָט איר דער אויבער־שטער געגעבן שאַרפע ציין . . .

— דער אויבערשטער האָט געגעבן שאַרפע ציין און מיר וועלן די ציין אַרויסנעמען. זיי וועלן ניט צעשטערן וואָס מיר בויען. מירן זיי צוריק אין די לעכער פאַרטרייבן. אַזעלכע מייז !

— ניט די מויז איז דער גנב, נאָר די לאָך. האָט איר זיי ניט אַרויס־גערופן פון די לעכער ? האָט איר ניט מתיר געווען דעם האַנדל ?

— יאָ, יאָ, מתיר געווען דעם האַנדל, — האָט אהרן שווערלעך אַרויס־גערעדט, — דאָס הייסט אָבער ניט שווינדלען, באַגנבענען דאָס פאָלק, דאָס זענען דאָך פּשוטע גנבים !

— און האָסטו, מיין זון, אַ טראַכט געטאָן פאַרוואָס גנבעט דער גנב, אה ? — די טרערנדיקע אויגן לויפן אָקערשט איבער. — גיב דעם גנב עסן וועט ער אין גנבענען פאַרגעסן.

— איבער די הענט וועלן מיר זיי געבן ! ווילן עסן — זאָלן זיי ניין אַרבעטן. אַרבעטן, און ניט גנבענען.

— מ'דערציילט פונם שפּאָלער זיידן : ער איז געזעסן און געלערנט, מיטאַמאָל דערהערט ער עפּעס אַ גערויש. דרייט ער זיך אום, טוט אַ קוק, ערשט איינער גנבעט האָלץ. האָט דער שפּאָלער זיידע אויפ־

געעפנט דאָס פענצטער און אַ געשריי געטון: „הפקר! דאָס האַלץ איז הפקר!“ פאַרשטייסט? ניט בריינגען אַ מענטשן צו דער עבירה פון גנבה.

— אזוי! — כאַפּט זיך אהרן אויף אַ גערייצטער — ווילט איר, הייסט עס, מיר זאָלן אַ געשריי טון „הפקר“! זאָג איך אייך: אויס הפקרות! דאָס איז ביז אַהער געווען אַ וועלט פון הפקרות, פון כאַפּ-לאַפּ. אַט די וועלט מאַכן מיר חרוב וואו מיר קענען און איבערני-צעווען זי וואו מיר מוזן, און מיר מאַכן אַ נייע וועלט, אַ וועלט אַ שכלדיקע.

— און ווי אזוי וועסטו דאָס איבערמאַכן די וועלט? מיט געוואַלט?

— קודם מיט שכל, און אויב נויטיק איז אויך מיט געוואַלט.

— צדק הכוח. און האָסטו גאָר פאַרגעסן, אז ס'איז דאָ אזא זאַך ווי כוח הצדק? ניט קיין אידישע מידה, אַט דער צדק הכוח. ברוח, אהרן, ברוח.

— און וואו איז געווען די אידישע מידה באַם געבן די אידישע תורה? „נעמט איר די תורה איז גוט, אניט ווערט איר באַגראָבן אונטערן באַרג“. וואָס איז דאָס — כוח הצדק צי צדק הכוח?

— דאָס? דאָס האָט מען אָנגעשראָקן קליינע קינדער, און — שרעק מיך, גאָטעניו, אָבער שטראָף מיך ניט. ווען עס האָט געהאַלטן ביי שטראָף האָט משה ניט דערלאָזן.

— איר הערט, רבי, איר ווייסט גאָרניט וואָס פאַר אַ פּנים די וועלט וואָלט געהאַט ווען משה זאָל צו די לוחות אין דער לינקער האַנט נאָך געווען האָבן אַ שווערד אין דער רעכטער. דער זיגרייכער נביא איז דער באַוואָפנטער. און מיר ווילן זיין. מיר מוזן זיין.



— הערסטו, אַרעלע, איך בין אַ איד, אַ פרומער איד, און אסור מיר אויב מיך אַרט וואָס משה רבינו האָט, לויט דיין שיטה, פאַרלוירן. לא בחרבי, ניט מיטן שווערד. דו ווייסט, איך בין מיין גאַנץ לעבן געווען אַ מלמד, און די שיטה ביי די מלמדים איז געווען — אַז מ'שלאָגט אין הינטן גייט אין קאָפּ, פונדעסטוועגן האָב איך זיך אויס-געהיט פון דערלאַנגען אַ קלאַפּ. דו ביזט מיין עדות. און אַז איך בין שוין אַמאָל אַרויס פון די כלים און דערלאַנגט אַ אינגל אַ שטורכע, ווייסט איין גאָט דעם אמת, אַז מיר האָט עס מער וויי געטון ווי אים. און איך ווייס ניט ווער עס האָט אַרויסגעגעבן בעסערע תלמידים, איך צי די אַנדערע.

דער קוק נאָך די רייד האָט געמאַנט: אדרבה, זאָג שוין דו!

— און אונדז, דיינקט איר, טוט ניט וויי? — איז אהרן אויפגע-שפרונגען, פאַרהערנדיק אפילו דעם קאָמפּלימענט פאַר זיין אַ גוטער תלמיד. — מיר האָבן דאָס פאַרגעניגן פון אַט דעם שלאָגן, ווי איר זאָגט? די בייטש טוט וויי דעם שלאָגער אפשר מער ווי דעם געשלאָ-גענעם, אָבער וואָס זאָלן מיר טון? טויזנטער יאָרן אַז עס רייסט דער בלאָטער. אייערע אַלע פלאַסטערלעך, ווי כוח הצדק, האָבן ניט געהאָלפן. מ'האָט דעם בלאָטער געמוזט אויסשטעכן. טוט וויי, אָבער דאָס איז דער איינציקער וועג. אויסגעשטאָכן, רינט מאַטעריע, איי-טער, פּאַסקודסטוועס אַלערליי, און אויב מיר ווילן ניט פאַרגיפטעט ווערן מוזן מיר גוט אויסוואַשן, דיזענפעקצירן, מיט קאַרבאָל איז מיט קאַרבאָל, און אויב נייטיק בליי, היים בליי, איז — היים בליי. מירן זיך פאַר דעם ניט אָפּשטעלן, אונדזערס וועלן מיר זיך דערשלאָגן.

— מיט שלאָגן וועסטו זיך צו גאָרניט דערשלאָגן.

—און מיט תהלים זאָגן?

— מיט תהלים זאָגן? — די פראַגע האָט דער אַלטער מענדל איבער-געפרעגט זיך אַליין און ערשט נאָכדעם זיך געווענדט צו אהרנען. — ווייסט, אַרעלע, איך זיץ און רייד מיט דיר און טראַכט צו זיך: אפשר

איז ער פּאָרט אַ צדיק. דער נאָמען אַרעלע, נאָך דיין גרויסן זיידן ז״ל, איז ניט געגאַנגען לאיבוד. אָבער געדיינקסטו נאָך די גמרא, אין קידושין איז עס: ״צדיק כי טוב״. פרעגט זיך: איז דאָ אַ צדיק וואָס איז ניט קיין גוטער? איז דער תירוץ, יאָ, ס׳איז דאָ. ווער עס איז גוט צו גאָט און צו לייטן דער איז אַ גוטער צדיק, ווער עס איז אָבער בלויז גוט פאַר גאָט און שלעכט פאַר לייטן דער איז ניט קיין גוטער צדיק. ביזט אפשר אַ צדיק, אָבער ניט קיין גוטער. ניט קיין גוטער, אַרעלע. צו מענטשן דאַרף מען זיין גוט.

די טרערנדיקע אויגן האָבן זיך ממש געבעטן: זיי גוט צו מענטשן. אָבער געזען האָבן זיי אַז דער ביי וועמען זיי בעטן זיך שמייכלט מיט אַזאַ מידן, דאָך פון אויבן־אַראָפּ־שמייכל. פאַרדריסט עס דעם אַלטן, און ער וואַרפט פאַר:

— לאַכסט פון מיר, האַ?

— ניין, — ניט פון אייך, רבי, אפילו ניט פון אייער שטיקל תורה וואָס איר האָט מיר נאָרוואָס געזאָגט. זיין גוט צו מענטשן! כמ... זיין גוט צו מענטשן... געהערט רבי, געהערט, און ניט נאָר גע־הערט... אָבער וואָס איז דאָ צו ריידן? אונדזער ויכוח וועט צו גאָרניט פירן. איר אַ רב אפשר יאָ, אָבער איך אַ גלח...

די לעצטע ווערטער, שפּאַסיק אָבער ניט שפּאָטיק, ברענגען דעם אַלטן מלמד ווידער אין אַ פאַרלוירנקייט און ער פרעגט פאַרטרוילעך:

— וואָס אַזוינס ביזטו? כ׳מיין, וואָס פאַר אַ שטעלע פאַרנעמסטו?

דער אַלטער האָט גענומען אַרומקוקן דאָס צימער, ווי זוכנדיק דעם ״קייסערס פּאָרטרעט״, און פון אָט דעם פּאָרטרעט זיך דערוויסן ווי נאָענט צום ״קייסער״ זיין געוועזענער תלמיד שטייט.

— איך בין פאָלקסאויספאָרשער. —





זענענדיק, אַז דעם אַלטן איז ניט קלאָר, האָט ער צוגעגעבן:

— איך דאַרף חוקר ודורש זיין אַלע באַשולדיקונגען און באַשולדיקטע וואָס ווערן געבראַכט.

דערביי איז זיין אויג געפאַלן אויף די אַקטן פון די סמאָלדאַרעווער אידן, שוין דורכגעשטודירטע. זיך געכאַפּט: באַלד דאַרף זיין אַ פאַרהער, דער צווייטער שוין. האָט זיך אויפגעשטעלט.

— און דו דאַרפסט עס פּסקענען? — דער אַלטער האָט זיך אויך אויפ־געשטעלט.

— ניין, דערויף איז דאָ אַ געריכט. איך דאַרף בלויז צושטעלן אַ באַריכט.

— נו, זיי זשע מיר געזונט. — האַלטנדיק זיין תלמידס האַנט, פרעגט ער פאַרטרוילעך:

— איז זאָגסטו מיר צו?

— איך זאָג גאָרניט צו! — די ווערטער האָבן זיך שאַרף אַרויסגעריסן, די האַנט זיינע האָט זיך ראַש אַרויסגעצויגן פון דעם אַלטנס האַנט.

— איך מיין ניט, חלילה, — האָט דער אַלטער זיך פאַרכאַפּט שוין גייענדיק צו דער טיר, ווי געטריבן פון אהרנס טריט הינטער אים. — איך מיין, מ׳וועט זיי דאָך ניט דערשיסן, באַהיט גאָט. — שוין ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט זיך צו דערוויסן מיט וואָס גייט ער אַרוים.

— ניט דערשיסן, ניט דערשיסן. — אומגעדולדיקע, פאַרעווע ווערטער, און די האַנט שטרעקט זיך אומגעדולדיק צו דער טיר אַרויסלאָזן דעם אַלטן.

נאָך דעם אַלטנס אַרויסגיין האָט אהרן דערפילט אַ ביטערן אָפּזאַץ אין מויל, פון זיין באַזוך, פונם ויכוח. געוועדט צופיל. ניט געדאַרפט געוועזן צולאָזן. אַ רבי! זיך פאַרבייסנקט נאָך דער "זיסער קינדהייט"! די קינדהייט, די יוגנט זיינע, האָט ער דערפילט, איז אָפּגעשפּרונגען פון אים. עס שטייט כאַוועט אהרן לוריע, דער פאַלקס־אויספאָרשער, און עס וואַרטן אויף אים אַקטן, אַקטן, אַקטן . . .

ער האָט געהייסן אַריינפירן די באַשולדיקטע, און אים איז גלייך באַפאַלן אַ שווער געפיל, דאָס געפיל פון "פאַרהערן"...



א. ל. אָווענטאַל

## דער קאָנוועיער לויפט

אין טראַמוואַי האָט דער אַלטער נחמן געהאַלטן מיטביידע הענט — שטאַרקע ווי צוויי שטאַבעס אייזן — די דינע, אויסגעמאָגערטע אַרבעטער־צייטונג. מיט לויפנדיקע אויגן האָט ער געלייענט די פאַרשיידענע נייעס, וואָס זענען געווען געדרוקט אויף דער ערשטער זייט. דעם איינדרוק וואָס דאָס לייענען האָט אויף אים געמאַכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין פאַרהאַרטעוועטן פּנים. נאָך יעדן שטיקל נייעס האָט זיין פּנים אָנגענומען אַ נייע מינע. האָט ער געלייענט אַז מען האָט געשאָסן אויף אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, האָט זיך זיין פּנים פאַרקרימט ווי ער וואָלט דערפילט אַ שווערן ווייטיק אונטערן האַרצן. ער האָט דעמאָלט שטייף פאַרמאַכט די אויגן, פאַרקאָוועט דאָס מויל אַז קיין ליפּן האָבן זיך ניט אַרויסגעזען, און אַז ער האָט נאָך אָנגעבלאָזן ביידע באַקן האָט זיך זיין פּנים אינגאַנצן פאַרענדערט.

אָט די מינע האָט אויף זיין פּנים אָנגעהאַלטן עטלעכע סעקונדן, ביז ער האָט געעפנט די אויגן און זיי גענומען אין דינסט צו לייענען ווייטער. ביי דעם ווייטערדיקן לייענען האָט שוין זיין פּנים אָנגענומען אַ מינע פון באַשטעטיקונג. ער האָט די ליפּן זיינע אַרויסגענומען פון אונטער דעם פאַרקאָוועטן מויל. ער האָט זיי פאַרצויגן שפּיציק אויף אַ סמאַצקע צו טאָן און צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ:

"אַזוי, חברה! אָט אַזוי באַדאַרף מען האַנדלען. זיך אַנטקעגנשטעלן דער פּאָליציי"!

ער האָט ווייטער געלייענט. זיינע ליפּן האָבן זיך אויסגעגלייכט און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן כעס. פאַר כעס האָט אַ בלוי אָדערל אָנגעהויבן טאַנצן אויף אַ ווינקל פון זיין שטערן, און ער האָט פאַרקריצט מיט די ציין:

„אַז געהאַרגעט זאָל עס ווערן — זיי שיסן אויף סטרייקערס"!

ער האָט פאַרענדיקט לייענען די ערשטע זייט, און, נאָך אַלץ מיט אַ כעסדיק פּנים, האָט ער איבערגעמישט און ווייטער געלייענט. דער כעס איז פאַרשוואונדן. אויף זיין פאַרהאַרטעוועטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שמייכל און אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן. דאָס וואָס ער האָט איצט געלייענט איז ניט געווען קיין שטיקל נייעס, נאָר אַ ליד, און דאָס האָט דעם אַלטן נחמנען פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט דורכקוקן דאָס ליד מיט די אויגן, ווי ער האָט געטאָן מיט די נייעס, — יעדעס וואָרט פון דעם ליד האָט ער אַרויסגערעדט אין דער שטיל. יעדע שורה האָט ער איבערגעלייענט עטלעכע מאָל, און וואָס מער ער האָט געלייענט דעם ליד האָט דער אַלטער נחמן געלייענט דאָס, וואָס ער פילט שוין אַסך יאָרן, נאָר ער האָט עס ניט געקאָנט אַרויסזאָגן, און דער שרייבער פון דעם ליד האָט דאָס געזאָגט אַזוי שיין... יעדעס וואָרט איז אַרויסגעקומען אַזוי קיילעכיק ווי פיינע עפּל. נאָך עטלעכע מאָל לייענען האָט דער אַלטער נחמן אַרויסגעזאָגט צו זיך אינדערשטיל:

בלויז די וואָס אַרבעטן — אַקערן און זייען —
האָבן אַ רעכט זיך צו פרייען
מיט דעם וואָס ס'איז דאָ.

און ער האָט די ווערטער ווי געטעמט מיטן מויל.

נאָכן איבערלייענען דאָס ליד האָט דער אַלטער נחמן דערפילט, אַז ס'איז גוט, וואָס ער איז איינער פון די עלטסטע אַרבעטער אין דער גרעסטער אויטאָמאָביל־פאַבריק אין דער וועלט. פאַרוואָס טאַקע ניט? וויפיל מאַשינען לויפן איבער דער וועלט, וואו נחמן האָט זיין חלק



אַריינגעלייגט? זיכער איז ער איינער פון די וואָס אַרבעטן! אַלע זיינע יאָרן געאַרבעט. קיינמאָל אפילו ניט אינזינען געהאַט צו קויפן אַ קרעמל.

כאָטש נחמן איז שוין געווען אין די זעכציקער, האָט מען פונדעסטוועגן די יאָרן ניט אָנגעזען אויף אים. יאָרן זענען זיך געגאַנגען און האָבן דעם שטעמפּל פון אַלטקייט ניט אַרויפגעלייגט אויף אים. זיי האָבן אים אויסגעמיטן. אפילו די אַרבעט ביי פאָרדן אין פאַבריק האָט אויף זיין גוף קיין שליטה ניט געהאַט. צו אַ שטאַרקער קערפּער ביי אים, אַז ער זאָל זיך לאָזן ברעכן. בלויז זיין ברייטע פּלייצע האָט זיך אַביסל איינגעבויגן, קוים־קוים צו באַמערקן, די הענט זיינע, כאָטש בלויע אָדערלעך האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון זיי, זענען זיי נאָך אַלץ געווען שטאַרק ווי אייזן. די אויגן דינען אים נאָך אפילו. אמת, די לעצטע צייט איז אים שווערלעך צו אַרבעטן ביינאַכט, דער שלאָף דערקוטשעט אים — אָבער היינט, נאָכן איבערלייענען דאָס ליד, האָט זיך דער אַלטער נחמן דערפילט אינגער מיט דרייסיק יאָר. עס האָט אים גענומען הנאה טון, וואָס דאַווקע היינט גייט ער אַרבעטן ביינאַכט. — עס איז עפּעס אַ גרויסקייט — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — צו אַרבעטן ביינאַכט ווען אַ גאַנצע וועלט שלאָפט.

אין דער נאַכט איז דעם אַלטן נחמנען אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער דריטער „שיפט", און נאָך איידער דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף איז ער שוין געווען אין פאַבריק.

אויף דעם אומענדלעכן פלאַכלאַנד האָט זיך פאַר מיילן ווייט געצויגן די פאַבריק. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט די פאַבריק מיט אירע טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלעך אויסגעזען ווי אַ שטיקל פון דער אַרומיקער נאַכטיקער וועלט וואָלט זיך אָפּגעריסן, ווייל זי האָט ניט געוואָלט בלייבן אין דער פינצטער. שטראָמען מענטשן האָבן איבערגעלאָזט דאָס אָפּגעריסענע עלעקטרישע וועלטל, זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער נאַכט אַריין. אַנדערע האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ — צווישן זיי דער אַלטער נחמן. ער האָט פאַרנומען זיין באַשטימט אָרט, נעבן זיין שטענדיקן שכן

דעם נעגער דזשאָנס. דער פּאַס וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער מייליקער לייַנג פון דער פאַבריק האָט זיך גענומען דרייען, באַגלייט פריער מיט אַ קרעכץ, באַלד מיט אַ געשריי, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען וואָס אַמאָל העכער, רעשיקער. מיט דעם פּאַס זענען מיטגעגאַנגען שטיקלעך אייזן, שרייפלעך, דריידלעך, פאַרגליווערטע ווי פאַרפרוירענע פויגלען אויף אַ טעלעגראַפנדראָט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן איינס מיט דעם אַנדערן גאָרניט קיין שייכות. אַזוי האָט זיך געקאָנט דאַכטן בלויז אַ פרעמדן, אָבער ניט דעם אַלטן נחמנען. ער האָט געוואוסט, אַז ווען אָט די שטיקלעך אייזן מיט די שרייפלעך און דריידלעך וועלן פאַרבייגיין די טויזנטער מענטשן, וואָס זענען אויסגעשטעלט לייַנגאויס דער פאַבריק — וועט פון זיי אַרויסקומען אַ גאַנצע מאַשין.

אין דער נאַכט, נאָכדעם ווי דער אַלטער נחמן האָט איבערגעלייענט דאָס ליד, זענען פאַר אים אָט די אַלע זאַכן וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט דעם פּאַס געווען ניט סתם שטיקלעך אייזן, שרייפלעך און דריידלעך. דאָס זענען געווען גלידער, איברים פון אַ נישטפאַרטיקן גוף, איברים וואָס באַדאַרפן ערשט קריגן זייער תיקון ווען זיי וועלן דורכגיין דורך אָט די אַלע מענטשלעכע הענט. און ער, פונקט ווי אַלע דאָ אין פאַבריק, האָט אַ חלק אין דער יצירה.

ער האָט מיט זיין בליק, וויפיל זיין אויג האָט געקאָנט אַרומנעמען, אָפּגעמאָסטן די לייַנג פון דער פאַבריק. ער האָט צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

„יאָ, דער וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס ליד איז גערעכט. אוודאי באַדאַרף געהערן די וועלט צו די מענטשן וואָס אַרבעטן!"

ער האָט מיט איין אויג אַ זייטיקן קוק געטון אויף זיין שכן, דעם נעגער דזשאָנס. פון דעם עלעקטרישן לעמפּל איז אַ רויטלעכע שיין געפאַלן אויף זיין שוואַרץ טראָניק פּנים, אַ פּנים וואָס האָט גאָרניט אויסגעדריקט. ער איז געשטאַנען און געטון זיין מאָנאָטאָנע אַרבעט מאָנאָטאָן ווי דאָס זשומען פון אַ פליג. הלוואי — האָט זיך נחמן



געטראַכט — וואָלט איך געקאָנט פאַרפירן אַ שמועס מיט אים, וואָלט איך אים געזאָגט דאָס וואָס איך ווייס, וואָלט זיך כאָטש אַ פריילעכע מינע באַוויזן אויף זיין פּנים. כ'וואָלט אים געזאָגט:

„ברידערל, ניט געזאָרגט! דו זעסט אָט די גרויסע פאַבריק וואָס ניט אַרויס טויזנטער מאַשינען? וועמען באַדאַרף די וועלט דאַנקען פאַר דעם? מיר און דיר! יאָ, אַזעלכע ווי מיר שאַפן אָט די אוצרות פאַר דער וועלט! און צו אונדז באַדאַרף עס געהערן. ניט געזאָרגט, ברודער! נאָר געדולד. באַלד־באַלד"...

אָבער מען טאָר ניט ריידן. דער פּאַס ציט זיך ווי אַ בייזע שלאַנג, און מען מוז זיין אינגאַנצן אָנגעשטריינגט ניט דורכצולאָזן עפּעס אַ שרייפל, אַ דריידל אָדער וואָס.

וואָסזשע האָט ער געקאָנט טון, דער אַלטער נחמן? איז אָנשטאָט ריידן צו זיין שכן, האָט ער בלויז אַ שמייכל געטון צו אים. דער נעגער דזשאָנס האָט דערפילט, אַז דער שמייכל איז אַ ברידערלעכער, האָט ער אים צוריקגעענטפערט מיט אַ ברייטן שמייכל און באַוויזן אַ קאַסטן געזונטע ציין וויביינדלעך פון אַ פּיאַנאָ.

דער פּאַס האָט זיך באַוועגט. די אייזערנע איברים זענען געלאָפן אין אַן אומענדלעכער רייע און פאַרביטן איינע די אַנדערע.

איי וואָלט גוט געווען, האָט נחמן ווייטער געטראַכט, ווען עס איז דאָ מיט וועמען זיך אַדורכצורייד ן וועגן דעם ליד. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז שרה זיין ווייב ליגט איצט אין בעט און קאָן ניט אַנטשלאָפן ווערן, ווייל זי טראַכט פון אים. זי שרעקט זיך, טאָמער וועט עפּעס געשען. עס איז דאָך אַ מאַשין. יאָ, אַ אידענע בלייבט אַ אידענע. זי האָט מורא. ווען ער איז איצט אינדערהיים, וואָלט ער שרהן דערציילט פון דעם ליד.

„שרה", וואָלט ער איר געזאָגט, „עס איז ווי אַ פּלאַסטער צום האַרצן!"

וואָלט זי געפרעגט: ״נחמן, וואָס?״

״אָט דאָס וואָס איך האָב געלייענט אין דער צייטונג״.

שרה וואָלט אַוודאי פאַרקרימט די נאָז, אַ אידענע גלייבט אַ אידענע: זי גלויבט ניט אין קיין צייטונגען. זי וואָלט געזאָגט:

״שוין ווידער מיט דיין צייטונג! וואָס האָסטו געלייענט דאָרט — אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי״?

״שרה, מיר, די אַרבעטער, גייען איבערנעמען די וועלט״.

אָבער שרה איז פון די, וואָס גלויבן ניט אין אַזעלכע זאַכן.

״ווייס איך וואָס״, וואָלט זי געזאָגט, ״וועלט־שמעלט. ווער עס האָט געלט האָט די וועלט״.

אָבער ער וואָלט איבערגעלייענט דאָס ליד און געוויזן שוואַרץ אויף ווייס — וואָלט זי שוין געמוזט גלויבן.

דער פּאַס האָט זיך געצויגן ווי אַ בייזע שלאַנג. מיט דעם פּאַס — שטיקלעך אייזן, שרייפלעך און דריידלעך. נחמן האָט דערפילט אַ ווי ביי אַ חיה. דאָס רויטע פּנים האָט געכעסט: אַ רויט פּנים, אַ צערייצט ער האָט פאַר זיך דערזען

״קוק וואָס דו טוסט! אַביסל שנעלער! לעבעדיקער! דו האָסט דורכ־געלאָזן אַ שרויף״.

ביים אַלטן נחמנען האָט זיך פּלוצים איינגעהויקערט די פּלייצע. דאָס ליד — דאָס ליד איז פאַר אינגערע פון אים! ער אַליין האָט פּלוצים דערזען אַרום זיך מענטשן — שאָטנס וואָס שוועבן שטום און פאַר־האַוועט אַרום דעם קאָנוועיער. און פאַרביי זענען געלאָפן איינצלנע אומפאַרשטענדלעכע, פאַרגליווערטע שטיקלעך אייזן, שרייפלעך, דרייד־לעך — ווי פאַרפרוירענע פייגלען אויף אַ טעלעגראַפנדראָט.





# מ. ל. האַלפּערן

## פון זיין ירושה

**דיכטונג**

אויף אַ וועג ערגעץ, ◈ איך ווייס ניט פון וואַנען, ◈ זע איך מענטשן רייטן שטום און לאַנג. ◈ און ווייט — אַ האַל־בע ערד פון די וואָגלער — ◈ הער איך זייער גאַנג און געזאַנג.

און דער הימל איבער מיר, דער בלויער, ◈ איז שטיל ווי אין מדבר דאָרט איבער זיי, ◈ נאָר מיין טרויער אין מיר — ווי ביינאַכט פון ווייטנס ◈ פון מיטן טייך אַרויס אַ געשריי.

אַ גוי — דער ערגסטער — צלמט זיך איבער ◈ ווען ער הערט אַזוינס אין זיך אַליין, ◈ נאָר איך אין מיין פרומקייט בין האַרט און פינצטער ◈ ווי אונטער מיר צוקאָפּנס דער שטיין.

די שטאָט מיט אירע גרויסע גלעקער ◈ האָט איר זשאַווער אין מיר אַריינגעשאָלט, ◈ און מיין רו איז די רו פון אַ שפּאָן אַ צעפּוילטן ◈ וואָס בלייבט פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

די זון איז מיר פרעמד ווי דער רויך פון אַ קוימען ◈ וואָס הויבט זיך אויף איבער מיר צום פּלי. ◈ ווי אַ וואָלף — אַ שאָף, האָט מיך אויפגעפרעסן ◈ מיין אייגענע גריבלעניש און מי.

און אַ שטער זענען מיר די אויגן מיינע, ◈ ווי דער באַרג וואָס שטייט דאָ זינט אַלע יאָר, ◈ און די פליג וואָס קריכט אויף מיר איז ברוגז, ◈ אַזוי ווי דער ווינט אין מיינע האָר.

ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל אין וואַלדגראָז, ◈ וויינט אין מיר אַלץ וואָס איז קראַנק און שטאַרבט: ◈ מיין לעבן איז אַ וואונד וואָס מען זעט ניט — ◈ אַ וואונד אין דער וועלט אַריינגעקאַרבט.

### זונפאַרגאַנג אויף בוימער

הימל. זונפאַרגאַנג אויף בוימער, ◈ און ווינט און פחד מיט טרויער באַצירט, ◈ און דאָס אינגל אין מיר, דעם מענטש דעם גרויען, ◈ האָרכט צו זען די האַנט וואָס פירט ◈ די זון זי זאָל זיך לייגן שטאַרבן. ◈ און דער קינסטלער אין מיר קוקט אויף זיינע פאַרבן ◈ וואָס זענען גאַלדיק און בלוי און רויט — ◈ און זיין לעבן וויינט ווי דער אייביקער טויט — ◈ וואָס איז שיין און ליכטיק אין אַוונט-שיין, ◈ ווי אַ קינד ווען די מאַמע וויגט עס איין.

זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער — ◈ זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער.

מיינע הענט זאָלן קיינמאָל זיך ניט שטרעקן ◈ צו דעם וואָס מענטשן רופן גליק: ◈ קינדער, פריינט און שיינע פרויען — ◈ טרויער וואָס טאַנצט אויף אַ גאָלדענעם שטריק ◈ איבער אַ טייך וואָס קאָפּירט דעם הימל, ◈ און בייגקשאַפט — זוכט אין פאַרשטאַנד אונטער שימל. ◈ און פויגל און האַרץ און העמד אויפן לייב — ◈ אַ טויזנטיעריק



צוזאַמענקלייב. ◈ און געוויין וואָס מענטשן רופן גע-זאַנג ◈ צו טרייסטן די אייגענע זעל וואָס איז קראַנק. —

זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער — ◈ זאָל זיך בויגן מיין קאָפּ דער גרויער.

### דאָס ליד פון דער נעגערמויד

און דאָס איז דאָס ליד פון דער נעגערמויד — ◈ און באָם שוואַרצן סאַלאָמאָן וויינט די גיטאַר: ◈ — אַ יאַמאַ מיין —די מוראַשקע איז טויט, ◈ און מיין האַרץ וואָס באַוויינט זי ברענט ווי זשאַר. ◈ און דער ווייסער לאַכט און ער גייט פאַרביי ◈ און אַ גרוס מיט אַ פוס, און אַ צוגאָב אַ שפּיי, ◈ און דער גאָט פון ישראל מאַכט צו די אויגן ◈ און ער היינגט אַרויס זיין רעגנבויגן.

אַ יאַמאַ מיין, אַ יאַמאַ מיין, ◈ עס וועט שוין מער קיינמאָל קיין מבול ניט זיין. ◈ און די טרער, מיין ווייסע טויב וואָס איך שיק ◈ צו זוכן דיך, בלעטל גרינס, מיין גליק, ◈ זי ברענגט מיר צוריק פון דער בלויער הויך — ◈ זי ברענגט מיר צוריק פון דער בלויער הויך — ◈ דעם טשאַד און דעם רויך, ◈ דעם טשאַד און דעם רויך, ◈ פון מיין לייב – מיטן האַלדז אויף אַ שטריק...

### דאָס ליד פון לענדלאָרד

— צי קענסטו מיר זאָגן, דו פרעמדע פרוי, ◈ פאַרוואָס זעט אויס ווי גאָלד די שטרוי? ◈ — וואָר איז — ווי גאָלד זעט אויס די שטרוי, ◈ נאָר די אָרימקייט בויגט מיין יונגן

קאָפּ, ◈ ווי דער שטורעם די שטרוי ביז דער ערד
אַראָפּ ◈ ווען הוסטן הער איך דעם לענדלאַרד.

— צי קענסטו מיר זאָגן, מיין ליבע פרוי, ◈ וויפיל זיין זויל
האָט פלעקלעך? ◈ — מיין ליבער מאַן, דו ווייסט דאָך
וואויל, ◈ אַז איך ווייס ניט וויפיל דעם לענדלאַרדס
זויל ◈ האָט פלעקלעך. ◈ נאָר די טריט זיינע, ווען ער
גייט, ◈ שרעקן ווי טויזנטער גלעקלעך! ◈ און פון
וויטנס זעט ער אויס אַזוי ברייט, ◈ ווי באַנאַכט אַ שמוג-
לערן — אונטערן קלייד ◈ מיט אַ סך כלי-זין-פּעקלעך.

— אַ, דו פרעמדע פרוי, דו שרעק זיך ניט, ◈ און זאָג ווי
אַזוי דערקענט מען אַ אידן? ◈ — מען קען דערקענען אויף
יאַרידן ◈ אַ גנב וואָס האָט געגנבעט אַ פערד. ◈ נאָר
דער וואָס האָט אַ הויז אויף דער ערד — ◈ דער איז גאָר-
נישט — אַ חוץ אַ לענדלאַרד!

— זאָג מיר, דו פרוי, ווי פאַרצאַמט מען אַ פעלד ◈ זיך אויס-
צוהיטן פון טכוירן? ◈ — מען קען ניט קיינמאָל פאַרצאַמען
אַ פעלד, ◈ און אייביק וועט דאַרפן ליידן די וועלט
— ◈ פון טכוירן.

נאָר דער לענדלאַרד זעט אַלעמאָל אויס ווען ער שרייט— ◈ ווי
אַן עפּל וואָס איז געפרוירן; ◈ און ער זאָגט, אַז אַ קינד
באַ אַרימעלייט, ◈ ווען עס קומט אויף דער וועלט אַן אַ
טאַרבע באַם זייט, — ◈ פאַרשאַלטן איז זיין געבוירן.

— צי הערסטו ניט, פרוי, באַנאַכט אין ווינט ◈ זיין קללה
וויינען איבער דיין קינד? ◈ — ביזט נאַריש, דו פרעמדער,
דיין צאָרן איז בלינד, ◈ און דו זעסט ניט דעם גרוב וואָס
וויינט און וואַרט ◈ אויף יעדן פון אונדז וואָס ווערט פאַר-
שאַרט, ◈ און דו שרעקסט זיך ווי דער לענדלאַרד.



— ווער צינדט איבער דיר, דו פרוי מיינע, דו, ◈ דאָס ליכט
וואָס לויכט ווי אַ שטערן? ◈ — ווען איך זינג פאַר מיין
קינד איי-ליו-ליו, ◈ איז זיין שיינקייט מיר — ווען ער
שלאָפט אין רו — ◈ מיין שטערן. ◈ נאָר דער לענד-
לאַרד באַנאַכט, דער אַרימער מאַן, ◈ חלומט פון רויטע
בערן. ◈ ער זעט אַ געשפּענסט אין אַ רויטן טורבאַן
— ◈ מיט די בערן אין אַ פייערגעשפּאַן — ◈ און ער
קען ניט אַנטשלאָפן ווערן.

## מאיר שטיקער

## קלאָגליד אויפן טויט פון איר מאַן

(אַנדיינק: מ. ל. האַלפּערן)

**(א) ערשט נעכטן...**

ערשט נעכטן האָסטו מיך געבעטן קניען ◈ נעבן דיר און
איבערלופטערן דאָס בעט. ◈ איך האָב געזען ווי דיינע
ליפּן גליען — ◈ און דיך געפאָלגט און גאָרנישט ניט גע-
רעדט.

דו האָסט געזאָגט: — ווי ליכטיק איז דיין שטערן! ◈ און
מיינע באַקן האָסטו שעמעוודיק געגלעט. ◈ און איך האָב
אַזוי ליב געהאַט צו הערן: ◈ "מאָרגן וועל איך שוין
אַרונטערגיין פון בעט, ◈ מיר וועלן ביידע אין די אָוונטן
שפּאַצירן ◈ דורך פינצטערע אַלייען ביז אין פעלד". ◈ דייַ-
נע ווערטער האָבן אָנגעהויבן פרירן, ◈ אין מיינע אויגן
האָבן טרערן זיך געשטעלט.

ווי אַזוי האָב איך מיין פּנים ניט צעריסן, ◈ ווי אַזוי האָב
איך דאָס צוהערן געקענט, ◈ און וויינען, לאַכן, קניען נעבן
דיר — און וויסן ◈ אַז מאָרגן וועל איך בלייבן מיט די נאַ-
קעטע פיר ווענט.

### (ב) זי גייט דאָס ערשטע מאָל איינקויפן

איך גיי אין גאַס — אַ פויגל זינגט, ◈ און איבער מיר איז דער הימל בלוי. ◈ און איינער צו דעם אַנדערן ווינקט ◈ און שעפּטשעט: — אַ, די אָרימע פרוי!

איך טראָג אַ קלייד פון שוואַרץ געוואַנט, ◈ און מיינע אויגן זענען שטאַר. ◈ דאָס קיישל פון דער לינקער האַנט ◈ פאַלט פּלוצים אַראָפּ אויפן טראָטואַר.

איך בייג זיך אָן און הייב עס אויף, ◈ און איבער מיר איז דער הימל בלוי. ◈ און איך הער ווי עטלעכע מענטשן אין הויף ◈ שעפּטשען שטיל: — אַה, די אָרימע פרוי.

### (ג) אַמאָל אין אַ נאַכט וועט עס געשען

איך וויל ניט אַרויסגיין פון הויז, ◈ דאָ וויל איך בלייבן אַליין, ◈ אין ווינקל, אַזוי ווי אַ מויז, ◈ מיט מיין אייגענעם געוויין.

איך וויל ניט וויסן פון ליכט, ◈ זאָל אויף די שויבן וואַקסן דער ברוד; ◈ אַליין מיט מיין פינצטער געזיכט, ◈ מיט די פינצטערע ווענט איז מיר גוט.

נאָר איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט ◈ וועל איך די שטילע גאַסן קערן, ◈ און הערן ווי די לבנה לאַכט, ◈ און זען דעם הימל פאַרפלייצט מיט שטערן.

איך וועל אַרונטעררייסן דאָס העמד ◈ און זיך אויפהייבנגען אויפן ווינט, ◈ און אַוועקפליען אין דער פרעמד, ◈ וואו מילך פון לבנה רינט אויף די אַקסלען און אויף די הענט ◈ און אין די טיפע מושלען פון די אויגן. ◈ ... פינצטער שטאַרן נאָך איצטער די ווענט ◈ און די פענצטער זענען שוואַרץ פאַרצויגן.



### (ד) זי באַגעגנט איר געליבטן

ווער איז מיר נאָכגעגאַנגען ווען מיין אָטעם איז שטיל געוואָרן ◈ און מיינע שטעקשיך זענען געבליבן אין זאַמד? ◈ אַ קאַץ איז דורכגעשפּרונגען — אַן אויטאָהאָרן — ◈ און דאָס גרילצנדיקע פאָרן פון אַ טראַם ◈ האָט מיך ניט אויפגעוועקט. איך האָב פאַרגעסן ◈ אין די ערשטע שעהן אַליין, אָן דיר, אין די מעסלעסן ◈ ווען דער טרויער האָט געאַקערט מיינע אָדערן ווי אַ קראַט. ◈ איך בין געשטאַנען אַליין אויף דער גאַס, אָפּגעשיידט ◈ פון אַלעמען, הויך פון דער פרייד ◈ וואָס מען דערשפּירט אין אַנגעזיכט פון גאָט.

און גאָט געווען ביזטו. — דו ביזט געשטאַנען ◈ אַנטקעגן מיר, געשמייכלט, גענומען מיין האַנט. ◈ איך האָב דיך ניט געפרעגט פון וואַנען ◈ קומסטו און וואוהין דו ווילסט מיך פירן, ◈ נאָר וואַויל האָב איך געוואוסט אַז זאַלבענאַנד ◈ וועלן מיר גיין ביז דאָס גראָז ◈ און די הענגלבלומען וועלן וויאַנען, ◈ גיין ביז צום שמאָלסטן ראַנד ◈ פון דער ערד און הערן דעם ווינט איבער אונדזערע קעפּ, ◈ און אויף די זייבערע שטעגן פון די שטערן ◈ מיד אַנידערפאַלן און אַנטשלאָפן ווערן.

# בער מיט זיינע בנימלעך

(פון דער פּאָעמע ״ליים״)

אַוורעמעל און מנשה, ביידע בנים, האַלטן בערן ווייט פון
״סטענד״: ◈ זיין ענגליש איז ניט אַקוראַט... זיין
באָרד, ◈ כאָטש היפּש אַרומגעגריזשעט, איז — אַ ״ווים-
קערם״ פּאַרט! ◈ די געגנט איז אַן ״איירישע״ און ״איי-
רישע״, בטבע, האָבן פיינט אַ באָרד. ◈ דערפאַר איז אָבער
בער אַ מאַדים, בעת עס קומט צום ״ראָוט״.

קומט שבת צוועלף באַנאַכט, — נעמט בער זיך וועקן זיינע
זין: ◈ — שטייט אויף צו סליחות! — זינגט ער אויס
חזנותדיק. ◈ די יונגען גענעצן, זיי פוילן זיך פון וואַרעמען
געלעגער אויפצושטיין. ◈ בא ״ברוקלין-ברידזש״, אויף ווי-
זונטיק קומט ער בעת דער ציטונג-סקלאַד איז נאָך פאַר-
מאַכט. ◈ ער וויל כסדר זיין דער ערשטער מיט די צייטונגען
אין גאַס; ◈ דער ערשטער פּאַרטיק ווערן מיטן פּאַלדעווען
די זונטיק-צייטונגען באַנאַכט, ◈ און קיינער קען ניט הייבן
פּעק מיט צייטונגען אַזוי ווי ער. ◈ די שקצים קוועלן אָן.
קלאַפּט אים אין די פּלייצעס און מען רופט אים — בעררררר!
מען

דער ברייטער רימען אויף די אַקסלען לאַפּנעט שיר ◈ פון די
פּאַפּירן וואָס ער שפּאַרט אַריין אין אים. ◈ נאָר בער איז
שטאַרקער פונם ברייטן, לאַנגן לעדער-פּאַס: — ◈ אַ באַרג
פון צייטונגען מאַרשירט נאָך האַלבערנאַכט אַליין אין
גאַס. ◈ עס הילכן אין דער שטילקייט אויסגעמאָסטן זיינע
פעסטע טריט; ◈ פאַרלויפן אַלעמאָל דעם מילך-מאַן אינ-
דערפרי דעם וועג... ◈ ער קען שוין אַלע טרעפּ און שוועלן
פון דער גאַס; ◈ געדיינקט די קאָרידאָרן און אַלייען, איז
אין יעדן ווינקעלע געניט... ◈ און וואָס ער זעט זיך אָן
אין טונקלע קאָרידאָרן — גאָט באַהיט!...



ווי גוט איז אים אַליין פאַרטאָג, ווען אויס דער נאַכט, ◈ דורך
לעצטע שאָטנס, ווי פון אונטער דר׳ערד אַ קראָט, ◈ פּאַמע-
לעך קריכט אַרויס פון נעפּל, צו דעם בלויען ליכט, די
שטאָט. ◈ און ער, — דער ערשטער און דער איינאונאיינ-
ציקער, ◈ וואָס וועקט די שלאָפנדיקע גאַסן מיט זיין היל-
כעדיקן טראָט. ◈ ער איז אַליין דער זייגער און דער האָן
פון שאָטענדיקער גאַס. ◈ לויט זיינע טריט זיך צינדן פייער-
לעך אין טונקלע פענצטער אָן, ◈ און קוימענעס צערוי-
כערן זיך אַריבער פייכטע דעכער אינדערהויך; ◈ די
זייגערס קלינגען, לויט זיין פּינקטלעכקייט, די שעהן
אויס; ◈ די מאַמעס האָדעווען די קינדער און די בלאָנדע
״דאַמען״ לאָזן פאַר די שוועלן ◈ די קורנאָסע, מאָפּסעוואַטע
הינטעלעך אַרויס... ◈ און בער, מיט פעסטע טריט גע-
מאָסטענע — ◈ גאָס איין, גאָס אויס, ◈ גאָס איין, גאָס
אויס, ◈ גאָס איין, גאָס אויס.

אים איז אפילו ליב די ציטערדיקע ביינקעניש וואָס ער דער-
פילט ◈ צום בעט און צו דער וואַרעמקייט מיט וועלכער
עלקע ליגט אַרומגעהילט... ◈ אַליין אין גאָס... ◈ אַ
ווינטעלע פאַרטראָגט אַמאָל צום נאָז ◈ אַ ריח פון קילער
ערד... דעם אַראָמאַט פון פייכטן גראָז... ◈ ער הערט
אַמאָל דאָס קרייען פון אַ בלודנעם האָן, ◈ וואָס האַלט זיך
ערגעץ אויף אין אַ פאַרלאָזטן שטיבל אין דער לעצטער
פאַרם... ◈ פאַרנעמט אַמאָל דאָס מעקן פון אַ ציג אין
לעצטער שטאַל, וואָס איז פאַרבליבן נאָך אין גאַס — ◈ אַ
ווילדער חידוש, וואָס אַן איינגעשפּאַרטע באָבע האָט פאַרהאַלטן
נאָך, ◈ כדי די גאַסן-קינדער זאָלן האָבן וואָס צו מוטשען
און פון וואָס צו מאַכן שפּאַס...

די נאַכט איז סיפּקע, קרישלדיק און שאַרף. און בער, — ◈ די
ברוסט אַרויסגעשטעלט, דאָס מויל צעעפנט ברייט, — ◈ אַ
הונגעריקער שלינגט די נאַכט-לופט שטיקערווייז. ◈ ער

האָט הנאה פון דער נאַכט, פון זיך, פון אַלץ אַרום. ◈ ער פילט ווי עפּעס וואַקסט פאַנאַנדער זיך אין אים, ◈ ווערט גרוים, און שפּרייט זיך, גיסט זיך אויס. ◈ און גאָר ניט פילנדיק אַליין, — צעזינגט ער זיך:

”פּיד האָראָיו קאַמעננאָיו ◈ האַלובי ליטאַיוט, ◈ האַלובי ליטאַיוט. ◈ יאַ שטשע ראָקי נע זאַזנאַוו — ◈ ווזשע ליטאַ מינאַיוט; ◈ יאַ שטשע ראָקי נע זאַזנאַוו — ◈ ווזשע ליטאַ מינאַיוט!” —

## יוסף ראָלניק

# בהמות

צוזאַמען מיט די מענטשלעכע גרויסע געזינדער ◈ פון ברידער און שוועסטער און שוועסטערקינדער, ◈ וואָס האָבן דריי הייזער פאַרפולט און באַלאַדט, ◈ איז ביי אונדז געווען אַ בהמיש געזינד ◈ פון לויטער ווייבער; אַחוץ אַמאָל אַ קינד ◈ אַ קורץ-וואַכיקס — ווייל דער שוחט אין שטאָט ◈ האָט צו דער דריטער וואָך שוין געוואָרט אויף דעם.

געווען זענען בהמות אינגאַנצן פיר:

מיין ברודערס רויטע קו מיטן ווייסן דיאַדעם ◈ אויפן קליינעם קאָפּ און געטאַקטע הערנער צוויי. ◈ אַ גרויסהאַלטערקע געווען, ◈ אַזוי ווי די שוועגערין מיינע, און אויך ווי זי ◈ אַ שלעכטס: אוואו געגאַנגען — אַ שטוים, אַ



וואָרף ◈ (מען האָט זי געבראַכט פון אַן אַנדער דאָרף). ◈ און אַנדערע צוויי אייגענע פרעסטע, ◈ פולאייטערדיקע קי, ◈ וואָס האָבן אונדז מיט קעז און פוטער גענערט. ◈ גוטע, כאַטש נעם און רייט אויף זיי — ◈ זיי וואָלטן זיכער זיך ניט געווערט. ◈ און דעם מילנערס קו, אין ישוב די גרעסטע. ◈ אַ שוואַרצע, מיט אַ ווייסן פּאַס איבערן גאַנצן רוקן, ◈ ווי אַ רובעל וואָס קוועטשט אין אַ וואָגן היי. ◈ דאָס איז געווען אַ בהמה אויף אַנצוקוקן, ◈ קלוג ווי אַ מענטש און פלינק ווי אַ חיה. ◈ זי פלעגט עפענען די מיל-טיר מיטן האָרן ◈ און אויפפרעסן פון קאַסטן דאָס ביסל קלייען ◈ און פון דער אַרכע דאָס מעסטל קאָרן. ◈ וויפיל מען האָט זי ניט צעשאָלטן ◈ און וויפיל שטעקנס מען האָט ניט צעבראָכן ◈ אויף איר קאַרק — איר האָט ניט געשאַדט, ◈ זי איז איבער אַלע זאַשיקעס געקראָכן, ◈ געגעסן פרעמדס, מיט רויב געוואָרן זאַט.

דער מילנער האָט זי שוין גאָר אַלטערהייד ◈ פאַר נייַנציק רובל „אויף וואַרשע” פאַרקויפט.

ווען מיר איז פולע דרייצן יאָר געוואָרן, ◈ בין איך אין ישיבה לערנען געפאָרן ◈ און פלעג זעקס מאָל אַ וואָך אינדערפרי ◈ עסן פוטער און קעז פון אונדזערע פרעסטע קי.

## יעקב גלאַטשטיין

### סאָבוועי — — — נאַכט

ס׳ציטערן נאַכט-בלומען אין אַלעמענס אויגן — ◈ וואַקל-
דיקע, דרימלענדיקע, טרויעריקע נאַכט-בלומען. ◈ אַ זינ-
גענדיקע, נאָגנדיקע נאָנטשאַפט צערטלט בליק צו בליק. ◈ עס
איז שטילער פאַרביינקטער רוף פון פרעמדברידער-
שאַפט. ◈ געאַרמטער טרויער, געפּאַרטער טרויער.

אַ מיד בעט — דער סאָבוועי-וואַגאָן. ◈ די פענצטער פאַר-
הויכט פון נאַכט-פעדים — ◈ פלאָנטערדיקן נאַכט-
וועבם. ◈ אַ טאַנצנדיק בעט דער סאָבוועי-וואַגאָן, ◈ אָן
ארויפאַראָפּיקער וויג-שפּיל. ◈ מיין זי האָט זיך אויפגע-
הויבן און אַוועק, ◈ מיין צופאַל-זי אויף איין שטיקל באַ-
שערט פלאַץ ◈ אין דעם וויגבעט — איז אַוועק. ◈ אַ
קלעפּיקער ער פאַלט אויף מיר מיט זיין שווערן קאָפּ — ◈
איך טראָג מיין מידן ברודער.

מיין מידער ברודער עפנט אָן אויג — ◈ רירנדיקע דאַנק-
באַרקייט. ◈ אויסגעהאַרעוועט בין איך פון גאַרנישט
טון. ◈ די הענט מיינע שלאָפן, ◈ די פיס די פּראָלעטאַ-
רישע זענען טויט. ◈ איך ארבעט שווער ביי גאַרנישט
גאַנצע טעג. ◈ דאָס מויל איז פאַרטריקנט פון ביסל צדקה-
געקעכץ — ◈ וועק מיך אויף, ליבער פריינט, ◈ ווען
מען וועט גיין אויף די באַריקאַדן. ◈ איך טראָג מיין מידן
ברודער אויף די פּלייצעס. ◈ אַ מיידל׳ס אויג בליצט שרעקיג
אַנטקעגן איבער. ◈ מיר אַלע טראָגן דעם מידן ברודער אויף
די פּלייצעס. ◈ אַ שוואַרצע טרונע איז דער סאָבוועי-
וואַגאָן. ◈ דער שכור׳ער נעגער וויינט אויפן קול, ◈ דעם
מיידל׳ס אויג בליצט טרויריק. ◈ (פעדימדיקע רעגן-טראַ-
פנס אויף די פענצטער) ◈ אירע פיס זענען דער-
שראָקן, ◈ און מיר אַלע באַשיצן זי מיט פלאַמיקע
אויגן. ◈ דער נעגער זינגט — די נאַכט בלימעלעך דרימ-



לען — ◈ די לאַסט פון מיין מידן ברודער ווערט לי-
בער — ◈ אָן איינג, וואַרם בעט איז דער סאָבוועי-וואַגאָן.

## א. טאַבאַטשניק

### פיר לידער

**נאָך זיך וועל איך לאָזן**

נאָך זיך וועל איך לאָזן אַ קינד און אַ ווייב, ◈ אַ פריינט
און עטלעכע לידער, ◈ אייגן בלוט און אייגן לייב
— ◈ אינגערע צוויי ברידער.

איז איינער ערגעץ אין סיביר, ◈ אין שניי, אין פראָסט
וועט שטאַרבן. ◈ דער אינגערער — אַ קאָמוניסט
— ◈ ער וועט אונדז ביידע ארבן,

מיך און אים. און אויך מיין פריינט ◈ וואָס היט דעם גאַנג
פון שטערן. ◈ דער קאָמוניסט מיט שטרענגער
האַנט ◈ וועט אונדזער שפור פאַרקערן.

**וואָרט און טאַט**

פייער איז צייכן, ◈ און בלוט איז אַ צייכן ; ◈ די שפּיז
און דער שווערד ◈ אינם ליד זענען צייכנס, ◈ צו גרייכן
דאָס וואָרט ◈ וואָס רייפט אין דער טאַט ◈ און פאַלן
דערנאָך ◈ ווי אַ פרוכט אַזוי רייף, ◈ אַזוי זאַט, ◈ צו
די פיס פונם דור ◈ וואָס טראָגט אין זיין שוים ◈ העל-
דישע וואָר.

די ערד וואָס איז שטערן, ◈ און די זון וואָס איז
שטערן, ◈ און דער הימל אין פייער ◈ הערן און
שווערן: ◈ אַז וואָר איז נאָר וואָרט ◈ וואָס גייט אויף
מיט דער טאַט. ◈ וואָר! ◈ ווי די טאַט וואָס ווערט
קלאָר ◈ אין בלענד פון דעם שווערד. ◈ וואָר! ◈ ווי
די העלדן וואָס פאַלן ◈ אין שוים פון דער ערד.

**ווערטער — סאָנעט**

ווערטער זענען ווי ליכטיקע קרישטאָלן: ◈ זעסט דורך זיי
ווי דורך אַ כישוף-גלאָז ◈ ווי עס ווערט אַן אָרים הויז
פאַרוואַנדלט אין אַ שלאָס. ◈ און נעמען ווערטער גיין אין
ריטמיש-גלייכע צאָלן, ◈ זינגען-אויף און נעמען בילדער
מאָלן: ◈ דורך זון און בלענד, אין אָוונטס מילדן
ראָז, ◈ גייט-אויף אַ פרייד, ווי זון אויף יונגן גראָז. ◈ נאָר
ווען דאָס וואָרט בליצט-אויף אין אָרעאָלן, ◈ ווי אויף
בלשצרס באַשייד אין יעדן אות, ◈ און גיסט דעם ווײַן פון
קריג, און שלאָגט אָרוים דעם כוס, ◈ און רופט, און פּרוּאווט,
און וועגט אויף וואָרע שאָלן, ◈ און פירט ווי דאַנטע דיך
דורך גיהנום׳דיקע טאָלן, ◈ גייסטו אים נאָך אַ באָרוויסער
אויף גלאָז — ◈ עס שפריצט דאָס בלוט און פלעקט דאָס
יונגע גראָז.

**צו...**

ביזט גרויס געוועזן — דערלאַנגט די זון ◈ און מיט דער
האַנט געקליבן שטערן, ◈ און, ווי אַ ווילד צעיושעטן טאַ-
בון — ◈ ווער האָט געקאָנט דיך צוימען און דיר שטערן.

ביזט גרויס געוועזן און מעכטיקער אפילו ◈ פון קעניגן,
אַ, קריגער, ליבהאָבער און דיכטער. ◈ נאָר שטויב צו
שטויב...און, שטילע, ◈ צוקאָפּנס טרויערן די בלומען
און די ליכטער.



וואו איז דער רום פון אַלע דיינע זיגן, ◈ דער ווייסער פלאַם
פון דיינע העלע רייד. ◈ — אין האַלב-פאַרמעקטע ווערטער,
אַ האַלב-פאַרשטומטער ניגון — ◈ — אַ העלער שווערד
וואָס זשאַווערט אין זיין שייד.

און עס וויינט דאָס האַרץ און פרייט זיך דאָך צוגלייך. ◈ די
העכסטע הויך ווער קען פון אונדז דערלאַנגען! ◈ דורות
קומען אָן אין ווייטן בלויען רייך, ◈ און זינגער וועלן זינגען
רייכערע געזאַנגען.

עס וויינט דאָס האַרץ און פרייט זיך דאָך צוגלייך. ◈ די
העכסטע הויך האָט ניט דערגרייכט נאָך קיינער. ◈ דורות
קומען אָן, אין ווייטן בלויען רייך, ◈ און הויך ווי דו וועט
אויפגיין נאָך ניט איינער.

## נחום יוד
## לידער וועגן דאָן-קיכאָט

**און ווען...**

און ווען דער גרויסער טרוימער דאָן-קיכאָט ◈ האָט זיך
מיט דער ווינט-מיל געשלאָגן, ◈ האָבן מלאכים פאַר
גאָט ◈ גענומען וויינען און קלאָגן.

און ווען דער וואונדערלעכער סאַנטשאָ האָט ◈ געוואַשן
דעם האָר זיינע וואונדן, ◈ האָבן מלאכים פאַר
גאָט ◈ אין הימל שירה געזונגען.

און ווען דער גרויסער ריטער דאָן-קיכאָט ◈ האָט ווידער
אין קאַמף זיך געלאָזן, — ◈ האָט דאַן אַ ליכטיקער שמייכל
פון גאָט ◈ דורך הימל און ערד זיך צעגאָסן.

## צו חלומען

צו חלומען פון שיינקייט ניט געבוירענער, ◈ און פאַר זיך
אָפּטמאָל בענקען אין דער שטיל, — ◈ אָ, דאָן־קיכאָט, אין
מדבר־וועלט פאַרלוירענער, ◈ ווי נאָענט מיר איז דיין
געפיל!

האָסט ניט געוואָלט אַ לעבן קליין און וואָכעדיק, ◈ וואָס
טויג אַ וועלט אָן שיינקייט און אָן גליק! ◈ איז הייזלעך
אַלטע, קרעטשמעס האַלב־צעבראָכענע ◈ פאַרוואַנדלט אין
פּאַלאַצן האָט דיין בליק.

דאָך האָסטו מיט דיין יום־טוב זיך ניט אָפּגעצוימט ◈ און
טיף געפילט דעם מענטשנס צער און פּיין, ◈ דו האָסט אַליין
דיין דולציניייען אויסגעטרוימט ◈ פאַר דורות אין די ווייט־
קייטן אַריין.

אָ דאָן־קיכאָט, דו וואונדערלעכער וואַנדערער, ◈ האָסט
צופיל פון דעם מענטשן־מין באַגערט... ◈ און דאָך — דיין
חלום טראָגן איצטער אַנדערע, ◈ און האַלטן־אויף די שיינ־
קייט אויף דער ערד.

## סאַנטשאָס געוואַלדן

וואָס האָט דולציניייעס באַפרייאונג ◈ צו טון מיט מיין
אָרימען לייב? ◈ בין איך דען איר העלד איר געטריי־
ער, ◈ איז זי דען מיין שוועסטער, מיין ווייב, ◈ וואָס
איך צוליב איר זאָל זיך געבן, ◈ דריי טויזנט מיט דריי
הונדערט שמיץ! ◈ פאַר מיר איז מיין קערפּער אין
לעבן ◈ דער איינציקער גרויסער באַזיץ.

און ווידער: זי האָט דאָך דעם גרעסטן ◈ און העלדישסטן
ריטער — מיין האַר. ◈ פאַרוואָס זאָל די שענצטע, די



בעסטע ◈ באַפרייט זיין דורך מיר, דורכן נאַר? ◈ און
קאָן־מען־ניט אַנדערש פאַרטרייבן ◈ דעם כישוף פון נאַ־
בעלער פרוי, ◈ דאַן דוכט מיר, אַז זי וועט שוין
בלייבן ◈ אויף אייביק פאַרכישופט אַזוי.

אַ דאַנק אים, מערלין דעם פאַרפלוכטן, ◈ וואָס האָט מיר
די שליחות פאַרטרויט... ◈ פון אַלעמען מיך אויסצו־
זוכן, ◈ אַז איך זאָל זיך שינדן די הויט! ◈ פאַר מיר
איז מיין קערפּער אין לעבן ◈ דער גרעסטער און העכסטער
באַזיץ, ◈ וועל איך צוליב איר זיך ניט געבן ◈ אפילו
קיין איינציקן שמיץ!

## פאַרוים

פאַרוים, מיין ריטער, אין דער וועלט אַריין, ◈ גאָטס וועגן
וואַרטן אויף דיר ברייט און אָפן! ◈ ס'איז דאָ צו לינדערן
אַזויפיל פּיין, ◈ און דאָ אַזויפיל רשעות צו באַשטראָפן.

געזאָטלט וואַרט אויף דיר דיין טרייער ראָסינאַנט. ◈ נאָך
גאַנץ די פעל אויף זיינע דאַרע ביינער... ◈ באַקאַנט איז
ער שוין מיט די גבורות פון דיין האַנט, ◈ און איז געוואוינט
צו שטעקנס און צו שטיינער.

פאַרוים!... ◈ מעג טויזנט מאָל דיך אויסלאַכן די
וועלט, ◈ נאָר דיך, דיין גייסט קאָן קיינער ניט צוי־
מען: ◈ דו האָסט דיין נאַר, וואָס האַלט דיך פאַר אַ
העלד, ◈ און וועסט אַליין באַהערשט פון דיינע הויכע
טרוימען.

## מעינקע קאַץ

### אַפּריל

1.

דורך מיינע גלידער העלן מאָרגן־פלאַמען, ◈ און ס׳קייקלט
זיך אַ זון ווי אַ פייער־ראָד — ◈ ווי זאָל איך אַזויפיל גבורה
צאַמען, ◈ אויב ניט ווי פרילינג קרישלען פוילע שטאַ־
מען; ◈ ווי זאָל איך אַזויפיל גבורה צאַמען: ◈ עס
טורעמט זיך דער פרילינג איבער שטאָט. ◈ דורך מיינע
גלידער העלן מאָרגן־פלאַמען — ◈ און ס׳קייקלט זיך אַ זון
ווי אַ פייער־ראָד.

2.

לאָמיר אַלע אַליין דאָ טאָגן: ◈ דו, וואָס זיצסט אין געסעלע
מיט דער באָבע־נאַכט, ◈ דו, וואָס זעסט דיין קינד נאָך
אַ שטראַלעכל זיך יאָגן, ◈ זע אויך דיין האָר — דיין פיינט
דאָ ווערגן די פּאָרטאָגן. ◈ אָ, לאָמיר אַליין דאָ טאָ־
גען! ◈ ס׳האָט דער האָר — דער פיינט אַ וויאַלן פרילינג
אונדז געבראַכט, ◈ אָ, לאָמיר אַליין דאָ טאָגן! ◈ ניט
זיץ אין געסעלע מיט דער באָבע־נאַכט.

3.

אַנשטאָט אַפּריל איז סעפּטעמבער דאָ געקומען — ◈ שפּראָצט
דער פרילינג פון אומרואיקער הויט, ◈ און קושט אויף הענט
די אַדערדיקע בלומען. ◈ דער האָר האָט פון דער זון דאָס
גאָלד דאָ צוגענומען, ◈ איז דער גוטער פרילינג אינם בלוט
געקומען, ◈ און נעמט מיט ווינט און פלאַם אַדורך די
נויט; ◈ אַנשטאָט אַפּריל איז סעפּטעמבער דאָ געקו־
מען, ◈ שפּראָצט דער פרילינג פון אומרואיקער הויט.



4.

אין מיין גרויער שטוב ערשטער מאַי שוין רוישט ◈ ווי
וואַלד, ווי קוואַל, ווי בערגיקע שטראָמען. ◈ דאָס לייב איז
גרינג, דער טראָט ווי אָן בליץ זיך שטויסט. ◈ אין מיין
גרויער שטוב ערשטער מאַי שוין רוישט — ◈ אויב פרי־
לינג איז דאָ אַלט, איז יונג מיין פויסט, ◈ די פיצלעך זון
בליען ווי פולווער־זאָמען; ◈ ווי וואַלד, ווי קוואַל, ווי בער־
גיקע שטראָמען.

ניו־יאָרק, 1934

## אליעזר גרינבערג

### צוויי לידער

**ליד פון מיין דור**

דאָס האַרץ — ◈ איז האָפערדיק און אָפן! ◈ דאָס
געהער — ◈ איז אָנגעשפּיזט און וואַך! ◈ ס׳גע־
ווייסן — ◈ מאָנט און שטראָפט, און ווערט ניט מיד צו
שטראָפן!...

די נייגיר — ◈ אַ שטורעמפויגל: קרייזט נאָך אַלץ און
פליט ◈ געפאַר אַנטקעגן: ◈ אַרויף — ◈ און
אַראָפּ! ◈ אַראָפּ — ◈ און אַרויף! ◈ און איז נאָך
אַלץ נישט גרייט זיך איבערגעבן ◈ אין יאוש — דעם
שלאָף!...

מוטיק, ווי אַ מאַסט, איז אָנגעצויגן ◈ מיט רעכט קעגן יע־
דן אומרעכט די יונגנטלעכע חוצפה! ◈ ווי נר־תמידם
ברענען (נישט אָפּצושיידן) ◈ ליבשאַפט און האָס, ◈ האָס
און ליבשאַפט — ◈ אין טיף פון גליענדיקע אויגן!...

און אַפּטמאָל מילד און אָפּטמאָל האַרב, מיט העזה, ◈ לייטערט זיך נאָך אַלץ דאָס לויטערע געמיט; ◈ און יעדער זיג און יעדער דורכפאַל איז נישט קיין דאַזע ◈ שלאָפּגעטראַנק ◈ פאַר מיין זיך ראַנגלענדיקן ליד!...

ס׳איז נאָך נישט אָריבער מיין שוועל ◈ געשטילטער דאָרשט פון פאַרעקשנטן ווילן! ◈ עס קלאַפּן נאָך נישט אָן אין מיין זעל ◈ מיט ספקות און חרטה — מיינע יאָרן!

איך ווער ניט מיד צו פאָרן: ◈ געדאַנק מיט געזאַנג!

איך ווער ניט מיד צו פאַרצייכענען: ◈ אויף פאָן פון בלוטיקער וואָר — ◈ דאָס פאַרוואונדעטע ליד פון מיין דור!...

**איך בין געקומען**

איך בין געקומען אויף דער וועלט — ◈ ווי איינער קומט אין אַן אייגן ליב הויז. ◈ וואָס מיר געפעלט נישט און וואָס מיר געפעלט — ◈ כ׳האָב ליב דעם דאָרן און די רויז!

נאָר קליינערהייט, נאָך קליינערהייט, האָב איך באַגריפן ◈ וואָס פאַר אַ קוואַל וועט אַנטרינקען מיין ליד מיט גלויבן: ◈ און יושר פאַר געקריוודעטע האָט געשליפן — ◈מיין שנאה — אַ חלף — פאַר די וואָס גזלנען און רויבן!

נאָר תמיד הויערט שטומע פרייד אויף מיינע ליפּן. ◈ און תמיד גרייט זענען מיינע ליפּן בענטשן: ◈ די גערעכטע שותפים צו דער וועלט — די צוויי פאַרקנופּטע קניפּן — ◈ דעם אַרבעטסמאַן און שעפערישן מענטשן!...





## צוויי לידער

**געזאַנג פון דער מדבר**

איך ברייננג דיר ניט קיין ווייץ און ניט קיין קאָרן, ◈ קיין בוימער און קיין גראָז האָב איך ניט אויפגעבראַכט. ◈ כ׳בין מדבר־לאַנד — עקרה פון געבאָרן; ◈ פאַרשלאָסן האָט אויף אייביק גאָט מיין טראַכט.

איך טראָג פאַר דיר קיין טרונק ניט, ניט קיין שפּייזן; ◈ מיט טאָפּ און קרוג ניט קום צו מיין געשוועל. ◈ מיין געל־רויט לייב איז אַלץ וואָס כ׳קאָן דיר ווייזן, ◈ און אויב דו ווילסט — מיין בייננקענדיקע זעל.

מיין לייב אַנטבלויזט אין אויסגעשטרעק דורך ווייטן, ◈ פאַרחלש׳ט אין עקסטאַז פון יונגפרווילעכן פאַרלאַנג, ◈ געהאַלדזט פון גרויע, קאַלטע אייביקייטן — ◈ בין איך ניטווירקלעכקייט, נאָר חלום און געזאַנג.

מיראַזש אויף מיינע ראַנדן! קעמל־קאַראַוואַנען ◈ און שטעט פאַנטאַסטישע אין ווייטן הימל־בויג; ◈ אַאַזיסן פריש־גרינע, קרישטאַלענע פאָנטאַנען ◈ דאָ שטייען־אויף פאַר דיין פאַרכישופטע אויג.

אין אומבאַגרענצטן שטח דאָ וואַנדערן געזאַנגען, ◈ און ס׳ווייסט ניט דער וואָס האָט זיי ווען געהערט — ◈ פונוואַנען ס׳וואַנדערן די בעדואינען־קלאַנגען: ◈ צי קומען זיי פון הימל, צי פון דער ערד.

דאָס בייננקט מיין דאָרשטיק לייב נאָך וואָס ס׳איז דעם פאַרשוואָרן — ◈ דאָס בייננקט דער אייביק־יונגטלעכער ווייבלעכער פאַרלאַנג. ◈ איך ברייננג דיר ניט קיין ווייצן, ניט קיין קאָרן — ◈ איך גיב דיר בייננקשאַפט, חלום און געזאַנג.

פאַרוואָס האָסטו צום פלוך געגעבן ◈ אַ פאָלק אַ קליינס, אַ פאָלק אַ שוואַכס, ◈ וואָס האָט געוואָלט ווי אַלע לעבן, ◈ און זינדיק זיין אַזוי ווי אַלע, ◈ און געצן נאַרישע, דאָך נאָענטע אים, דינען — ◈ ווייל ס'האָט קיין טרייסט און קיין פאַרשטענדניש ניט געקאָנט ◈ אין דיין צאָרנדיקן וואָרט געפינען?

האָט גליק דיין אמת אים געגעבן? ◈ דעם שקר אויסגעראָט — דיין וואָרט פון פייער? ◈ פון האַס און אומרעכט אויסגעלייטערט הערצער ◈ און מענטש צו מענטשן ליב געמאַכט און טייער?

ניט ווי טוי און ניט ווי רעגן ◈ זענען דיינע רייד געפאַלן, ◈ נאָר ווי אָנגעגליטע שטיינער, ◈ איינגעטונקט אין גיפט־און־גאַלן!

און די ביטערקייט פון דיינע שטראָפרייד ◈ און די היץ פון ברענענדיקן צאָרן ◈ האָבן אויסגעצערט די לעבעדיקע קוואַלן ◈ און דעם בוים פאַרוואַנדלט אין אַ דאָרן —

אין אַ דאָרן אין דער מיט פון בוימער, ◈ אין אַ טויטזינד אין דער מיט פון לעבן, ◈ אין אַ שאָטן אָן וואָרצלען און אָן זאַפטן. ◈ ד י י ן זינד, נביא — גאָט זאָל דיר פאַרגעבן.




ב. ריווקין

# דאָס ליד וואָס ווערט גלייך מקוים

I

לייכט איז מיר אָנצושרייבן, אַז די פאָדערונג צום אידישן ליד פון היינטצוטאָג דאַרף זיין: עס זאָל כהרף עין מקוים ווערן אין דעם לייענער און בלייבן אַ טייל פון אים אויף תמיד — אָבער ניט גרינג וועט מיר אָנקומען עס צו דערווייזן.

מאַך איך מיר גרינגער דערמיט, וואָס איך בין אין פאָרויס מודה, אַז מיין פאָדערונג, דער לייענער זאָל די אידייע, דאָס געפיל, די שטימונג פון ליד גלייך אַרבן איז גאָרניט אַזאַ געוואַלדיקער חידוש: דאָס איז דאָך דער גאַנץ פשוטער, געוויינלעכער געדאַנק, אַז אַ ליד איז פריער פון אַלץ באַרופן אָנצושטעקן דעם לייענער מיט דער איבערלעבונג, מיט דעם געמיט־צושטאַנד פון פאָעט. די גאַנצע קינסטלעך־קינסטלערישע טעכניק פון ליד איז דאָך אין דינסט פון אָט דעם באַרוף.

אפילו דאָס אידייאַישע ליד פאַרלאָזט זיך ניט אינגאַנצן אויף דער אידייע אַליין, זי זאָל זיך דערלאַנגען. די אידייע מעג זיך זיין דאָרט אַ הויפט־עלעמענט, ווי, לאָמיר זאָגן, אין די מערסטע פראָלעטאַרישע רעקלאַמאַציע־לידער, אָבער דאָס ליד פירט ניט קיין ריין לאָגישע ליניע, — ווען אַזוי, וואָלט עס גאָר קיין ליד ניט געווען — נאָר עס באַהעלפט זיך מיט קלאַנג, מיט ריטם, מיט בילד, מיט פאַנטאַזיע און מיט די אַלע מיטלען פון ליד־טעכניק, כדי אָוועקצורייסן דעם לייענער פון זיין צוגעשמידקייט צום איינגעשטאַנענעם אָרט און אַריינזעצן אים אין דער אידייע פון ליד.

דאָס איז דאָך די אַנדערשקייט פון ליד, וואָס עס אַרבעט ניט מיט לאָגיק. לאָגיק פעלשט די איבערלעבונג; לאָגיק מינימאַליזירט די איבערלעבונג; זי נעמט בלויז דאָס אַלגעמיינע פון דער איבערלעבונג, וואָס גלייכט זי אויס מיט טויזנט אַנדערע איבערלעבונגען

פון טויזנט אַנדערע מענטשן; און זי פירט די קירצסטע און גלייכסטע ליניע, וואָס גייט געוויינלעך דורכ שפּיץ קאָפּ פון לייענער. זי טרעפט ניט אין פּינטעלע פון דער איבערלעבונג, טרעפט ניט דעם לייענער אין הארצן; און וויפיל ער זאָל ניט ווערן איבערצייגט, ווערט ער אַלץ ניט גערירט.

דער ריינער אמת איז, אז קיין נשמה־צושטאַנד לאָזט זיך ניט איבערגעבן מיט דירעקטע, לאָגישע פּראָזאאישע רייד. א נשמה־צושטאַנד איז אין שטענדיקן פלוס. אין יעדער רגע קרייציקן זיך דורך שטימונגען, וואָס קומען צולויפן פון פארבאָרגענעם נעכטן, פון פארוואָרפענע ווינקעלעך פון היינט, פון פאָרגעפילן וועגן מאָרגן. א נשמה־צושטאַנד איז א רגע. א נשמה־צושטאַנד איז א בליץ.

פרעגט דעם ערשטן בעסטן באַקאַנטן: קאָנט איר מיר זאָגן גענוי, וואָס איר פילט אין דעם מאָמענט?

אפילו ווען זיין כונה זאָל זיין צו זאָגן דעם ריינעם אמת, ענטפערן וועט ער מיט א ליגנערישן טויזנטחלק פון דעם, וואָס ער פילט אויף אַן אמת; גיכער פון אַלץ וועט ער נוצן פארטיקע, שוין געזאָגטע, שוין געהערטע רייד.

נו, ליד מאַכט מעגלעך דאָס לאָגיש־אוממעגלעכע. ליד איז אַן איינפאַס פאַר א רגעדיקן, פארשווינדיקן נשמה־צושטאַנד. ליד נעמט צונויף די אַלע שפּירונגען, וואָס קרייציקן זיך דורך אין דער נשמה אין יעדער געגעבענער רגע, און גיט זיי אין א געווירצטן, באַטעמטן, שמעקעדיקן סך־הכל. ליד איז א פארכישופט בנינ'דל אין דער לופטן, וואָס כאַפּט אויף דעם נשמה־בליץ און האַלט אים איין און מאַכט אים דויערן, ביז ער גיט זיך איבער צום לייענער, צום צוהערער.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? — הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל עס איז א זינגענדיק בנינ'דל. וואָס עס לאָזט זיך ניט אויפכאַפּן מיט



לאָגיק, כאַפּט דאָס ליד אויף מיט קלאַנג. יעדע איבערלעבונג האָט איר אייגענעם ריטם. לאָזט דאָס ליד לויפן ווערטער־קלאַנגען אין א זיג־זאַג איבער דער איבערלעבונג, ביז זיי נעמען זיך אָן מיט איר ריטם. די עסענץ פון אַן איבערלעבונג לאָזט זיך טאַקע ניט באַצייכענען מיט קיין גענויעם וואָרט, אָבער די וויבראַציע, וואָס טראָגט די עסענץ, לאָזט זיך יאָ איבערכאַפּן און לאָזט זיך איבערגעבן. אין לייענער־צוהערער רופט זיך אָפּ דערזעלביקער ריטם.

און ווידער זענען דאָך דאָס ניט קיין הוילע קלאַנגען, נאָר ווערטער־קלאַנגען, אָנגעלאָדענע מיט זין. אין זייער געלאַף — ארויף און אראָפּ, הין און צוריק — דורך דער איבערלעבונג, באַרירן זיי א פונק דאָ און א פונק דאָרט, ווערן אַליין אָנגעצונדענע — און עס פלעכט זיך א וויברירנדיקע, קלינגנדיקע נעץ, א נעצענער פינקלדיקער געשטעל, וואָס כאַפּט אריין די איבערלעבונג, ווי אין א פּאַסטקע. און אָט די פּאַסטקע, אַן איינגעלויכטענע; אַן אָנגעלאָדענע מיט זין, קלאַנג, קאָליר, בילד, פאַנטאַזיע; אַן אויפגערודערטע מיט ריטמישער באַוועגונג — ווערט געוואָרפן אין לייענער־צוהערער. און ער ווערט אָנגעגריפן, אריינגעכאַפּט — ער שטעקט זיך אָן מיט דער איבערלעבונג.

איז דאָך דער תמצית פון ליד — אָנצושטעקן און צו פארכאַפּן; צו רעאַליזירן — וואָר און ווירקלעך צו מאַכן — די איבערלעבונג פון פּאָעט און לייענער. איז וואָס פאַר א נייעס האָב איך דאָ אויפגעטון מיט מיין לאָזונג: דאָס ליד זאָל תיכף ומיד זיך מקיים זיין אין לייענער? — איך בין מודה: טאַקע גאָרנישט אויפגעטון!

און איך גיב ווייטער נאָך: עס איז ניט גרינגצושעצן אָט די עובדא פון ליד — אָנצושטעקן און צו פארכאַפּן... דער לייענער באַדאַרף נויטיק האָבן דאָס ליד — אַזוי נויטיק ווי לעבן.

וואָרים דער לייענער אַליין איז בבחינת פּאָעט — א שטומער פּאָעט — מיט א שטיקעלע נשמה יתירה, מיט א ניצוץ רוח הקודש, נאָר אָן א ליד.

זיכער האָבן זײַנע איבערלעבונגען ריטם — די נשמה פון ליד — נאָר אַן אײַנגעדרעמלטן ריטם. און אַ ליד דאַרף אונטערקומען, דעם ריטם אויפצואוועקן, אַרויסצורופן אים פון זײַן פאַרשלאָפענער באַהעלטעניש. קומט קיין ליד ניט אונטער, בלײַבט גאָרנישט, שטאַרבט אָפּ אַ שטיק חיות. ער ווערט דורכגענומען מיט שטומעניש און קלעמעניש. עס איז אַ צער צו קוקן אויף אים.

עס איז נאָך ערגער: עס טרעפט, אַז אין לייענער קוועלט אָן אַן אידעלע, פּאָעטישע שטימונג. עס בעט זיך אַזוי אַ ליד, וואָס זאָל אויסזינגען וואָס עס האָט זיך אָנגעזונגען אין אים. און ווען קיין פּאַסיק ליד איז ניטאָ, ווייסט איר וואָס ער טוט? ער כאַפּט זיך אָפּ צו אַן אומגעלומפּערטער האַנדלונג, ווי צו אַ סימבאָל וואָס דאַרף אויסדריקן די אָנגעקוואָלענע אידעלע שטימונג. די האַנדלונג איז זײַן ניט אויסגעזונגען, זײַן אומגעלונגען ליד. פון איין גרעבלעכער האַנדלונג צו אַ צווייטער, ביז ער ווערט אַרײַנגעצויגן אין אַ סדרה האַמעטנע סימבאָליזאַציעס, וואָס פירן אים ווייט אַוועק פון דער אָריגינעלער פּאָעטישער איבערלעבונג — מיט דעם רעזולטאַט: ניט נאָר איז די איבערלעבונג צו נישט געמאַכט געוואָרן, נאָר דער מענטש אין אים, וואָס האָט געזאָלט גרעסער ווערן, איז קלענער געוואָרן; אָנשטאָט אויסצושטרעקן זיך, איז ער אײַנגעשרומפּן. אַלץ דערפאַר, ווײַל ליד האָט געפעלט.

ליד באַפרייט פון דער ביליק־קאָנקרעטער אימיטאַציע צום ליד; ליד קויפט אויס מיט וואָרט פון דער גאָרנישטדיקער האַנדלונג, וואָס דינט דעם אָרימען מענטשן פאַר במקום־ליד. ליד איז אַן „אויסקויפן זיך״...

איז ווי וואָלט געווען, ווען אונדזער ליטעראַטור פאַרמאָגט צען מאָל אַזויפיל פּאָעטן, ווי זי פאַרמאָגט איצט — מייסטנס אויף אָנצוצווייבערן מיט וואָרטקלאַנג דין־דינע פּאָעטישע שטימונגען; און צען מאָל אַזויפיל לידער וואָלטן געשליידערט געוואָרן אין אַ צען מאָל ברייטערער לייענער מאַסע — די לייענער ווערן כסדר אָנגעשטעקט, פאַרכאַפּט; ״אויסגעקויפט״, אויסגעאיידלט, באַרײַכערט;



די לידער ווערן מקוים אין זיי — ניט צײַטווײַליק, נאָר אויף דער דויער; מיט אַ בלײַבנדיקער פּעולה, אין אַ שטייענדיקער פּראָגרעסיע; זיי האָבן אַ כסדרדיקן צוואוווקס אין מענטש — שטעלט איר זיך פאָר דעם פּערמאַנענטן געווינס אין איידלקייט, מענטשלעכקייט, גייסט־עשירות, קולטור — יאָ, ווי וואָלט געווען . . .

איז איידער נאָך עס איז מיר אײַנגעפאַלן אָנצושרײַבן: ״ליד איז אויף מקוים צו ווערן אין לייענער״ — איז אַזוי שוין געווען און איז און וועט זײַן . . . האָב איך ווירקלעך גאָרנישט מחדש געווען. איך גיב נאָך, איך גיב נאָך — צום צווייטן מאָל.

ער כאַן — נאָכגעגעבן. ביז אַהער, אָבער נישט מער.

יאָ, ווי וואָלט געווען? — האָב איך געפרעגט. עס איז דאָך אָבער ניט אַזוי. עס איז ניטאָ קיין צען מאָל אַזויפיל פּאָעטן, וויפיל די אידישע לייענער־מאַסע וואָלט געקאָנט פאַרנוצן געזונטערהייט; און וואָס נאָך ערגער: די מאַסע שטעלט צו צען מאָל ווייניקער לייענער, וויפיל די פּאָעטן וואָס מיר האָבן וואָלטן געקאָנט פּאַונצן; און וואָס נאָך ערגער פון ערגער: דאָס ביסל לייענער וואָס מיר האָבן ווערן ניט פאַרכאַפּט פון די מערסטע לידער, וואָס ווערן זיי אונטערגעטראָגן; עס נעמט זיי ניט; ניט נאָך אַזעלכע לידער גאַרן זיי.

עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן די אידישע לייענער און די אידישע פּאָעטן. אַ קאַלטער ווינט איז דורכגעלאָפן צווישן זיי. די לייענער אין זייערע הערצער טראָגן אַ ברוגז אויף די מערסטע פּאָעטן אונדזערע — טראָגן זיי שוין אַריבער דעם ברוגז אויף אַלע פּאָעטן — אויף די שולדיקע און אומשולדיקע צוגלייך.

פאַר צוואַנציק־יאָרן זענען אפשר די אידיליעס זייער גוט געווען. אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר שוין געמיינט, אַז עס צעוואַקסט זיך אַ גרויסע פרײַנטשאַפט. און איצט אַזאַ ברוגז. וואָס איז געשען?

עס איז אַ קעגנזייטיקער ברוגז. די לייענער ווייסן פון דעם ברוגז און מאַכן זיך ניט וויסנדיק וועגן דער אידישער פּאָעזיע. און די פּאָעטן ווייסן פון דעם ברוגז און מאַכן זיך סתם ניט וויסנדיק.

נאָך אַמאָל: וואָס איז געשען? — געשען איז, אַז פאַר די צוואַנציק יאָר, זינט יענעם באַרימטן אויפבלי, איז ביי די מערסטע אידישע פּאָעטן גאָרנישט געשען. מען פּאָעטיזירט די זעלביקע אידיליעס — שטעטלשע אידיליעס, איד־אידיליעס, ליבע־אידיליעס, אָוונט־אידיליעס — ווי קיינמאָל גאָרנישט.

פאַר צוואַנציק־יאָרן זענען אפשר די אידיליעס זייער גוט געוועזן. איצט הויבן זיי ניט אָן גוט צו זיין. אויף דער וועלט איז מער קיין אידיליע ניטאָ. און אין הארצן פון האָרעפּאַשנעם איד־מענטש פון היינטיקן טאָג, דעם געזאָלט־זיין־לייענער פון דער אידישער פּאָעזיע, איז אַוודאי קיין אידיליע ניט. דורך אים איז דורכגעגאַנגען דער וועלט־בראָך. וועגן דעם וועלט־בראָך ווייסן די זון, דער ים, דער וואַלד און דער בוים. פון די מענטשישע הערצער האָבן זיי עס דערפאַרן. איז אויס מיט אַלע אידיליעס! — איז דאָס שטעטעלע אַנדערש; דער איד אַנדערש; די זאָרג פון אַלטן אידן און די ליבע פון יונגן אידן זענען אַנדערש. אפילו דער אָוונט פון היינטיקן טאָג איז אַנדערש.

נאָר די מערסטע פּאָעטן אונדזערע פון שטעטעלע־אידיליע האָבן ניט געהערט פון דעם אַלעם. זיי זענען פאַרבליבן די זעלביקע אידיליזירטע אידעלעך. און זיי האָבן אויך ווי ניט געהערט, אַז דער אידישער מאַסן־מענטש איז אין סאַמע מיטן פון וועלט־צוזאַמענברוך. און עס ברעכט אים דער מוח. און עס שפּאַלט זיך אים דאָס הארץ. ווילנדיק ניט ווילנדיק איז דער אידישער מאַסן־מענטש — ניט אַזוי צוליב דער אידישער עקאָנאָמיק, ווי דאַווקע צוליב דער אידישער **אומ**עקאָנאָמיק — פון סאַמע מיטן אַרויסגערוקט געוואָרן אין סאַמע פראָנט פון פעלקער־קלאַסן־צוזאַמענשטויס. איז ער דאָס באַקוועמסטע ציל־ברעט פאַר דער רעאַקציע. אויף אים איז אָנגעצילעוועט און קאָנצענטרירט די פאַשיזירטע, היטלערי־זירטע קאָנטר־אַטאַקע.



איז גרויל אין די הערצער און מהומה אין די מוחות פון דער אידישער פאָלקסמאַסע. און אפילו ווען יונגע אידישע חברה קומען חלומען ליבע אין אַ שטילער אויסגעשטערנטער נאַכט צום ברעג ים — איז נאָך אַלץ גרויל און מהומה אין זייער געמיט. און מען קאָן זייער געמיט ניט היילן; מען קאָן זייער גרויל און מהומה ניט פאַרזינגען מיט געלידלטע אידיליעס וועגן אידעלע־שטעטעלע־אָוונטל־ליבעלע.

אָט דאָ האָב איך געזאָגט: עד כאן — מער ניט נאָכגעבן. איך האָב אומזיסט נאָכגעגעבן. זאָגן, אַז די טעכניק פון ליד איז ספּעציעל אויסגערעכנט אויף אָנצושטעקן און צו פאַרכאַפּן איז האַלב ניט־דערזאָגט. מיט וואָס אָנצושטעקן און פאַרכאַפּן? — מיט אַ געוויסער איבערלעבונג. דאַרף דאָך זיין די איבערלעבונג. און ניט אַבי וועלכע, נאָר אַן איבערלעבונג, וואָס זאָל האַווירן צו דעם לייענערס געפיל. די איבערלעבונג דאַרף אים צוטרעפן.

אָט דאָס איז די מעשה: דעם אידישן לייענערס געמיט איז אָן אַ שיעור ברייטער און טיפער געוואָרן פון דעם ליד פון די מערסטע אידישע פּאָעטן; זייער ליד צערטלט זיך — טובלט זיך נאָך אין די שטימונגען פון פאַר צוואַנציק־יאָרן. דער אידישער לייענער באַדאַרף אַ ליד, וואָס זאָל ענטפערן צו זיין געמיט. דאָס ליד זאָל אים אָניאָגן אויף דער פּאָזיציע וואו ער שטייט — אין פראָנט פון אַ זיך אָנרוקנדיקער וועלט־סכנה; עס זאָל אים אָנלאָדן, באַוואָפענען צו דעם וועלט־געראַנגל, וואו ער פאַרנעמט אַזאַ געפערלעכן אָרט — זיין קאָפּ שטעקט אַרויס אין ″קיינעמס לאַנד″. אפילו דאָס ליבע־ליד און אָוונט־ליד דאַרפן אים צוגעגרייטער מאַכן — אָנשטעלן און אָנשטאָלעווען און אָנצילעווען זיין הארץ צום מוראַדיקן פאַרמעסט.

און טראָגט מען אים צו אַנדערע לידער — מעג די טעכניק פון ליד זיין ווי גוט אויסגעאַרבעט, אָבער ווען די איבערלעבונג, אויף וועלכער דער ליד־אינסטרומענט איז אָנגעשפּיצט, טרעפט אים ניט צו — זעצט זיך ניט אַריין אין פּאָקום פון זיין געמיט — איז דאָס ליד

פאַר אים ווערטלאָז; פּאַסט עס אים ניט. אפילו דאָס ליד זאָל אָנפּידלען ערגעץ אַ פאַרוואָרפענע סטרונע אין זיין האַרצן, וועט ער אָנגעשטעקט און פאַרכאַפּט ווערן פאַר אַ קליינער ווײַלע, וועט זיך אים געדיינקען אַ שורה אָדער צוויי — דאָס גאַנצע ליד אָבער וועט ער באַלד פאַרגעסן.

אַ צווייט מאָל וועט ער שוין צום אידישן ליד זיך ניט צוכאַפּן. ער פאַרוואַרפט די גאַנצע אידישע פּאָעזיע. ער וואַרפט אָן אומחן אויף דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. זי דינט אים ניט. זי האָט אים ניט אינזינען.

דערפון די קאַלטקייט. דערפון דער ברוגז און קעגן־ברוגז. דערפון דער אזוי גערופענער קריזיס אויפן אידישן ביכער־מאַרק, אויף וועלכן מען קלאָגט אָן איכה־קלאָג זינט פאַר פינף־יאָרן.

בלויז אַ קריזיס אויפן ביכער־מאַרק איז דאָס? — עס שמעקט מיט אונטערגאַנג סיי פאַר דער ליטעראַטור און סיי פאַר דער שפּראַך אין וועלכער זי ווערט געשאַפן.

האָבן מיר פאַר זיך צוויי גרונט־פּראָבלעמען:

ערשטנס, ווי באַוואָרנט מען אידיש און די אידישע שאַפונג דאָ אין לאַנד פון אונטערגאַנג, וואָס אויב עס וועט ווייטער אזוי אָנגיין ווי עס גייט, איז דאָס ניט קיין טרויעריקע מעגלעכקייט, נאָר אַ באַלדיקער גרויזאַמער פאַקט, וואָס לאָזט זיך ניט פאַררײדן מיט באַלד־אָפּשפּרעכענישן.

און צווייטס, ווי זאָלן מיר אַנטקעגנקומען דעם לייענער, אָדער דעם האָרעפּאַשנעם איד־מענטש, וואָס האָט געזאָלט זיין אונדזער לייענער, וואָס אחוץ וואָס דאָס האַרץ שפּאַלט זיך אים און דער מוח ברעכט זיך אים אינײנעם מיט דער וועלט־אָרדנונג, איז זיין געמיט נאָך פאַר'מרה־שחורה'ט פון די גרויל־וואָלקנס, וואָס הייגען איבערן אידנס קאָפּ.



ביידע פּראָבלעמען זענען אייגנטלעך איין פּראָבלעם: ווי מאַכט מען דעם האָרעפּאַשנעם איד־מענטש, וועלכער איז בא אונדז דער הויפּט־טרעגער פון אַלוועלטלעכן אידישן באַוואוסטזיין — ווי מאַכט מען אים פאַר אַ לייענער?

ניט נאָר וועגן אַמעריקע אַליין רעדט זיך דאָ, נאָר וועגן אַלע "אידישע לענדער".

דער ענטפער, וואָס גיט דעם אויסוועג, דאַרף אויפזוכן די אידישע יוגנט אויף דער וועלט־פּאָזיציע, וואו זי געפינט זיך; דאַרף אַריינריידן זיך אין איר געמיט; ריידן צו איר וועלט־געפיל און דעררײדן איר וועלט־געפיל.

אָפּגערעדט, ניט בלויז די רעטונג פון דער אידישער ליטעראַטור זוכן מיר דאָ. נאָר וואָרט האָט אַלעמאָל געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָלע אין אידישן געשיכטלעכן לעבן. אונדזערע גרעסטע אויפטוען און נצחונות האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם אידישן וואָרט. אזוי דאַרף אויך איצט זיין. וואָרט דאַרף ווערן אונדזער הויפּט־וואָפן.

אונדזער האָרעפּאַשנער קלאַס, געשטיצט בלויז אויף זיין עקאָנאָמישן כוח, איז ניט גבור גענוג דורכצוטראָגן די ראָלע וואָס איז אויף אים אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אין דעם אויפברוך, איבערברוך און ניי־אויפבוי פון דער וועלט־אָרדנונג. וואָס עס פעלט אים אין עקאָנאָמישן כוח, דאַרף אים צוקומען דורכן וואָרט. דאָס אידישע וואָרט דאַרף פאַרצענפאַכן, פאַרהונדערטפאַכן דעם אידישן האָרעפּאַשנעם כוח. פון אידישן וואָרט דאַרף אים צוקומען די גבורה, וואָס זאָל אים אַרויסרוקן אין אַוואַנגאַרד, אין דער פּיאָנערן־ריי פון די פלאַם־פייער וואַרפער, שטורמער־שלאָגלער און וועלט־איבערבויער.

דאַרפן מיר קאָנצענטרירן די גרעסט־מעגלעכע קראַפט אין אידישן וואָרט, און מיטן קאָנצענטרירטן וואָרט זיך קאָנצענטרירן אויף דער פראָנט־שיכט פון דער אידישער יוגנט.

[דאָס איז דער וועג און דאָס איז דער אויסוועג — במילא שוין פאַר דער ליטעראַטור אויך. נאָך דער פראָנט־שיכט גייט במילא די גאַנצע יוגנט־מאַסע, און יענע מער שוין ניט יונגע מאַסע, וואָס לעבט אין איר צווייטער אָדער דריטער יוגנט, אָבער לעבט דאָך. אויב ניט אַלע וועלן ווערן שטורמער־שלאָגלער, לכל הפחות מיט־פילנדיקע לייענער פון דער שלאָגלערישער ליטעראַטור וועלן זיי ווערן].

דאָ געווינט פאַר אונדז דאָס ליד אַ הויפּט־וויכטיקייט. מיר דאַרפן נעמען דעם שטאַרקסטן און שאַרפסטן וואָרט־אינסטרומענט, און דאָס איז פאָרלויפיק דאָס ליד, און נאָך מער פאַרשטאַרקן און פאַרשאַרפן זיין ווירקונג.

לאָמיר זיך ניט באַנוגענען מיט דער געוויינלעכער פונקציע פון ליד — אָנצושטעקן און צו פאַרכאַפּן דעם לייענער מיט דער איבערלעבונג פון פּאָעט. אַן אָנשטעקונג דאַרף עס זיין אַזעלכע, וואָס זאָל זיך ניט אויסוועבן אין דער נעכסטער מינוט. און אַן איבערלעבונג דאַרף עס זיין, וואָס ווי איך האָב נאָרוואָס פאָרמולירט — דערערדט דעם לייענערס וועלט־געפיל. און דערמיט זיך אויך ניט באַנוגענען: דאָס דערערדטע וועלט־געפיל דאַרף ווערן בלוט און פלייש אין לייענער. עס זאָל אים צוקומען דער חלק מענטש, וואָס פעלט אים צו שטורמער־שלאָגלער, צוקונפט־בויער. אַ ליד זאָל אַזוי באַשאַפן ווערן, עס זאָל טאָן באַשעפערישע אַרבעט אין לייענער — ניט נאָר ערגעץ וואו אים אַ קיצל טאָן. אַ ליד וואָס באַשאַפט אַ יש מאַין אין אַ רגע צייט — אַ מאַגיש ליד. דאָס איז דער פולער באַטייט פון דעם לאָזונג: דאָס ליד זאָל גלייך מקוים ווערן אין לייענער.



אליעזר גרינבערג

# פון אַ פאַרפייניקטער וועלט — צום ראַנד פון נייעם אָנהויב

**איך קען ניט באַהאַלטן,**
**אַז איך לעב נאָך פאַרשטעלט,**
**אַ געשטאַלט פון געשטאַלטן**
**פון אַ פאַרפייניקטער וועלט.**

(ה. לייוויק: „די ערד איז געלאָדן." נייע לידער, 1934)

אין 1913, ווען ה. לייוויק איז אַנטלאָפן פון סיביר און אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז שוין די ליטעראַרישע מלחמה צווישן אונדזער פריערדיקן דור שרייבער דאָ און דער טאַלאַנטפולער, ליטעראַרישער גרופּע "יונגע" געווען אין פולן גאַנג אויף אַלע פראָנטן.

ה. לייוויק, אָדער ווי ער האָט זיך דעמאָלט אונטערגעשריבן: לייוויק האַלפּער, האָט דאָ באַלד דעביוטירט מיט זיינע "סיבירער לידער". לידער, אין וועלכע אַ ריין־פּערזענלעכע דערפאַרונג איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער קאַנווע. לייוויק האָט באַלד געוואונען די אָנערקענונג פון ביידע שטרייטנדיקע צדדים. פאַר אים האָבן זיך גאָר אינגיכן געעפנט אַלע טירן און אַריינגיינג אין דער ליטעראַטור. —

די "יונגע" וואָס האָבן געפאָדערט אין זייער קינסטלערישער פּראָגראַם: "פאָרם" לגבי "אינהאַלט" און האָבן געמאָנט זאַכלעכע, קאָנקרעטע שילדערונג און פולע פרייהייט פון אויסדרוק פאַר לירישער שטימונג און ריין־פּערזענלעכע איבערלעבונגען וואָס זיי האָבן אָפטמאָל דערפירט (ווייל אין קאָפּ!) מיט באַוואוסטזיין פון צו־להכעיס ביז עקסטרעם — האָבן אָבער באַלד איינגעזען, אַז סי־בירער טעמאַטיק האָט געקראָגן אַ קינסטלערישן תיקון אין לייוויקס אייגנאַרטיקן אופן פון געצוימטער שפּאָרעוודיקייט; מיט וואַכן חוש פאַרן קלאַסישן פערז, און מיט אַ פיאַיקייט צו קענען פילטרירן זיין

אָנגעזאַמלטן סכום פון אויבנאויף געוויינלעכער דערפאַרונג — וואָס איז אָבער אויף אַ ריין לייוויקשן אופן פון באַנעם געקומען צום קינסטלערישן אויסדרוק אין זיינע לידער. און זיי האָבן אים באַלד אַקצעפּטירט ווי איינעם פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון זייער גרופּע.

אַגב, איז די קינסטלערישע פּראָגראַם בא דער גרופּע "יונגע" קיינמאָל נישט געקומען צום פולן אויסדרוק ווי אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג און ווי אַ פאַרטיפטע עסטעטישע אָנשויאונג. זייערע פּראַגמענטישע פּרואוון זענען מיר באַקאַנט; אָבער דער איינדרוק וואָס שאַפט זיך פון זיי איז ווי פון צופעליקייטן. אַ פאַרטיפטערע באַשטעטיקונג פון זייער עסטעטיציזם איז בא זיי יאָ געקומען צום אויסדרוק און כמעט אַלעמאָל קלאָר און דייטלעך זיך מאַניפעסטירט דורך זייערע לידער.

און דער עלטערער דור שריפטשטעלער דאָ, מערסטע פון זיי מענטשן מיט אַ פּאָליטישער פאַרגאַנגנהייט — פאַר זיי איז לייוויקס קלאַנג פון קייטן־לידער געווען אַ ציטערדיקער עכאָ־גרוס פון זייערע אייגענע זיך אויסוועפנדיקע רעמיניסצענצן; אַחוץ זייער עסטעטישן געמום און מבינות, האָט זיי אימפּאָנירט אין לייוויקס לידער מסתמא די סיבירער סאָציאַלע טעמאַטיק וואָס האָט אויף זיי אַ הויך געטאָקער צו זיין דיכטונג.

און די אמתע מאָס־און־וואָג פאַר אַ קאָרעקטער אָפּשאַצונג פון לייוויקס דיכטונג ליגט מסתמא אין מיט־וועג פון אָט־אָ די צוויי גרופּן. און טעמע אָדער פאָרם איז בלויז, ווי מיר דוכט, מעגלעך דעמאָלט — ווען צוויי אין טעמע פאַרשיידנאַרטיקע ווערק שטייען ביידע אויף איין און דערזעלבער הויך פון קינסטלערישער קוואַליטעט. — און צום וויפלטן מאָל די דערקלערונג: אַז יעדער קינסטלעריש ווערק איז אַ סינטעז פון אינהאַלט און פאָרם?



זעען מיר שוין איצט, אַז אפילו אין סאָוועטנלאַנד וואו די סאָציאַלאָגישע מאָס און וואָג פאַר קונסט איז אַלעמאָל האַפּערדיק און וואַך, וואו פאָדערונג פאַר "אָריענטאַציע" איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג; זעען מיר דאָך: אַז אויך דאָרטן איז מען שוין דערגאַנגען, נאָך אַ צאָל עקספּערימענטן און נאָך שעדלעכע שטרויכלונגען — מיט אַ מוסר־השכל פון דערפאַרונג — צום אויספיר: אַז אינהאַלט איז בלויז איין וויכטיקער באַשטאַנדטייל צווישן אַנדערע, וואָס ווערט אָבער סוף־כל־סוף געמאָסטן און ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ערשט נאָך דעם, ווען די "געוואונטשטע" טעמאַטיק אָדער "צופרידנשטעלנדיקער" שטאַנדפּונקט באַווייזן אויך צו דערגיין צו אַ הויכן גראַד קינסטלערישער קוואַליטעט.

און אויב סיבירער מאָטיוו איז נישט געווען קיין ספּעציפיש לייוויקשע דערפינדונג אין טעמאַטיק און קיין נייער אויפטו אין פאָרם — האָט אָבער אַ באַשטימטער סכום לייוויקשע דערפאַרונג געקראָגן אַן אויסדרוק אין אונדזער ליד, וואו אויף אַ פאָרמעל־דיכטערישן אופן איז לייוויקן געלונגען אָביעקטיוויזירן זיין ריין־סוביעקטיוון ליריזם, אים איז געלונגען צו צוימען זיין עמאָציע און אָנצופילן זיינע לידער מיט אַ רירנדיקן טראַגיזם, — אים איז געלונגען פון וואָרער און קאָנקרעטער סיבירער דערפאַרונג אויסצודיכטן אין אָפּגעהאַקטע, אין קורץ־געפאַסטע שורות, אין מינימום ווערטער מאַקסימום שילדערונג פון אַן אומרואיק־פּאָטעטישן געמיט — אייגנשאַפטן וואָס האָבן זיך באַלד געלאָזט שפּירן בא לייוויקן בא זיין אַריינטרעטן אין דער ליטעראַטור:

**די טויערן אַלע פאַרשלאָסן, ◈ די טירן מיט אייזנס פאַרריגלט, ◈ אַ האַנט אַ געהיימע מיין שטערן ◈ מיט בלוטיקע צייכנס באַזיגלט.**

**און עמיצנס קול מיט אַ בייזער ◈ פאַרשיט מיך מיט ווערטער ווי שלאַנגען: ◈ ער וואַרפט מיר אין פּנים פאַרברעכן ◈ וואָס איך האָב קיינמאָל ניט באַגאַנגען.**

**אומזיסט מיינע טענות, באַווייזן, ◈ איך ווער אונטערטעניק, געדולדיק; ◈ מיט ליפּן צוזאַמענגעדריקטע ◈ איך מורמל: בין שולדיק, בין שולדיק...**

ווי מיר זעען, האָט די סיבירער דערפאַרונג אַוועקגעלייגט אַ פּיינפולן חותם אויף לייוויקן. און נאָך איידער זיין צערודערט און צעקלויצעט געמיט האָט זיך אָפּגעזעצט און אויסגעלייטערט, נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו באַנעמען דאָ דעם האַרמאָנישן דיסאָנאַנס, דעם אור־באַניסטישן הינטערגרונט; נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אָנ־צוזאַמלען דאָ נייע דערפאַרונג אויף צו שמידן נייע און אַנדערשדיקע לידער ווי די סיבירער, און אונטערצוציען אַ סך הכל פון זיין ערשטן, דערפאָלגרייכן דיכטערישן עטאַפּ, און אָנצייכענען פאַר זיך נייע דיכ־טערישע צילן — האָט אין 1914, כמעט באַלד נאָך לייוויקס אָנקו־מען קיין אַמעריקע אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

ב

די מערסטע פון דער גרופּע "יונגע" זענען געבליבן פאַרמויערט אין די איינגע תפיסה־ווענט פון זייער באַגרעניצטער עסטעטישער טעאָריע. זיי האָבן מורא געהאַט אַריבערצוטרעטן די אָנגעצייכנטע גרעניצן פון קורץ־געפאַסטן, ליריש־שטימונגספולן ליד און מוטיק אַ קוק טון אין די אויגן אַ צאַנקענדיקער וועלט, און איר אַ שליידער טון אין פּנים אַריין אומעסטעטישע, נאָר אין פיין דערלייזטע אמתן.

לייוויק האָט יאָ געהאַט דעם מוט דאָס צו טון. ער האָט דערפילט די גרויסע אחריות און געמאַכט אַן אָנשטריינג צו געבן אין דיכטונג דעם מיטאָס פון אונדזער אויפגעטרייסלטער וואָר. דאָס האָט געפירט צו לייוויקס איבעררייסן מיט די "יונגע", צום שיידן זיך מיט זיי. לייוויקס עסעי אין דעם זאַמלבוך "פון צייט צו צייט" נויאָרק, 1925, איז אַן אויטענטישער דאָקומענט פאַר מיין באַהויפּטונג. וועלן מיר טאַקע זען ווי ער אַליין פאָרמולירט זיין שטאַנדפּונקט. ער שרייבט דאָרט:



"זאָל אייך זיין גוט, פּאָעטן. גייט אַרום איבער די גאַסן מיט אויפ־געהויבענע קעפּ, מיט דיכטערישער פאָן — און זאָלן אַלע זען אַז אייך איז גוט! אָבער אַז אייך וועט באַשערט זיין דער אָנפאַל פון אומרו, דער אָנפאַל פון פאַרצערנדן זעלישן הונגער און דאָרשט, אַז עס וועט זיך אָנהייבן הערן אין אייער קול דער געיאָמער נאָך גאָט, נאָך באַהעפטונג מיט מענטש און יסורים פון מענטש, דעם ניט אויסגעלייזטן, ניט אויפגעהויבענעם, ניט באַפרייטן מענטש — וועט אייער צופרידענע פאָן אַביסעלע אַ ציטער טון".

לייוויק פּרובירט ענטפערן מיט זיינע לידער זיינע אייגענע פאָדערונגען, באַגרינדן זיינע אייגענע קרעדאָס! ער פּרובירט שאַפן אַ סינטעז צווישן אידייאיש־עטישן אינהאַלט און קינסטלערישן אויסדרוק. גאָר־נישט קיין גרינגע אויפגאַבע!

אין 1921 דערשיינט לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע "דער גולם". אין לויף פון די יאָרן איז ער פּראָדוקטיוו און דרוקט אַסך לידער — וואָס דערשיינען שפּעטער אונטערן נאָמען: "אין קיינעמס לאַנד".

דער נאָמען — איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אויסגעוואָרצלטן אינ־האַלט פון דעם בוך לידער. די לידער מאַכן דעם איינדרוק ווי אַ בינטל רויע אויסגעשרייען. זיי פאַרקלינגען אָבער און בלייבן הייענגען אין חלל פון "קיינעמס לאַנד". די רויע אויסגעשרייען, זענען, מערסטנס, מיט גאָרנישט און צו קיינעם נישט באַהעפט — אָנשטאָט ווי לידער באַדאַרפן זיין, אויסגעלייטערט־פאַרפיקסירטע דערפאַ־רונג און פילטרירטע עמאָציע.

**"אָט אַזוי ווי איך שטיי לעבן אייך — אָט אַזוי שטיי איך, ◈ נישט קיין אַראָפּגעפאַלענער פון אויבן, ◈ נישט קיין אַרויפגעפלויגענער (?) פון אונטן— ◈ און איך האַלט נישט אין מיינע הענט קיין פעדים ◈ נישט פון מיין פאַרגאַנגענהייט און נישט פון מיין צוקונפט".**

(אין קיינעמס לאַנד: "טויערן פון הימל")

דאָס געמיט פון בוך איז אין ערגעץ נישט פאַראַנקערט. די שורות רודערן נישט מיט לייוויקס געוויינלעכער העלזעערישקייט און קלאָרקייט — וואָס זענען פאָלגן פון אַ פאָרויסבאַשטימטן ציל. עס פעלט דאָ דאָס בילדלעכע. און אויב לייוויק זאָל זיי האָבן בכיון אַזוי געשריבן, וועלנדיק איבערגעבן אין אַ סטאַקאַטאָ־ריטם פשוטע, זאַכלעכע דעקלאַראַציעס—נישט באַנוצנדיק זיך מיט דער הילף פון דער דיכטערישער מעטאַפאָר — איז אָבער די פאָרם צעשוואומען און נישטאיבערציינגנדיק. עס מאַכט נישט אויס וואָס אַ צאָל קורצע לידער און טיילן פון ״גולם״ און די לאַנגע פאָעמע ״דער וואָלף״, וואָס לייוויק באַצייכנט ווי כראָניק, פאַרמאָגן אַלע לייוויקס פריערדיקע און איצט נאָך רייפערע, דיכטערישע מעלות. האַנדלט זיך דאָך אָבער דאָ נישט און גיבן לייוויקן סמיכות אויף טאַלאַנט אָדער אין קאָמפּלימענטירן אים פאַר קאָנען אָנשרייבן אַ צאָל גרויסאַרטיקע לידער.

אַ פּאָעט פון לייוויקס ראַנג, פון לייוויקס רעפּוטאַציע, דוכט מיר, נויטיקט זיך נישט אין דעם. און דאַווקע די גוטע טיילן אין די ביכער אונטערשטרייכן נאָך מערער לייוויקס נישטגעלונגענע פאַרזוכן און באַזונדערס זיין פאַרוווירטקייט. דאָ האַנדלט זיך: אין אָפּפרעגן צווייפלהאַפטע עלעמענטן און אין אונטערשטרייכן דאָס אמת־ווערטפולע אין אַן עטאַפּ — באַ איינעם פון אונדזערע וויכטיקסטע פּאָעטן.

אמת, אויך איבער דעם בוך, ווי איבער לייוויקס מערסטע ביכער, שוועבט אַן אומרואיק געמיט פון אַן אומרואיק־מענטשלעך־לעבן. און פון דעם שטאַנדפּונקט, מאַכן אויך אַסך לידער אין דעם בוך דעם איינדרוק — ווי וויכטיקע, מענטשלעכע רעקאָרדן, ווי אינטערעסאַנטע, מענטשלעכע דאָקומענטן; אָבער זעלטן ווי אוממיטלבאַרע, געלייטערטע דיכטונג. און כאָטש לייוויק האָט שוין דערהערט, ווי ער אַליין האָט געשריבן, דעם געיאָמער נאָך גאָט, נאָך באַהעפטונג מיט מענטש און יסורים פון מענטש, ליגט אָבער דאָ אויסגעשפּרייט איבער זיין דיכטונג אַן אומהיימלעכער פאַטאַליזם:

**עפּעס טענהט אינעווייניק אין מיר אַ קול — ◈ מיד: ◈ קאַ־**
**טאַסטראָפן, קאַטאַסטראָפן און די וועלט איז פול מיט**
**זיי, ◈ קאַטאַסטראָפן וועלן קומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל...**



און:

**דעק איך אָפּ מיין פּנים און פאַרדעק צוריק — ◈ גאָט אַליין,**
**דער האַר פון קאַטאַסטראָפן, האָט מיט שטייפע שטריק ◈ שוין**
**דאָס פערד דערשלאָגן, איצט איז גאָט אַליין פון שלאָגן**
**— ◈ מיד...**

(אין קיינעמס לאַנד: "מיד")

און אויב בעל־מחשבות איז בלויז טיילווייז גערעכט געווען כאַראַקטעריזירנדיק לייוויקן ווי: ״אַ טונקעלע נשמה וואָס קעמפט פאַר אינעווייניקסטער קלאָרקייט״, איז איצט דער איינדרוק, אַז לייוויק האָט אויפגעגעבן דעם ״קאַמף״ און אַקצעפּטירט די טונקלקייט פון זיין נשמה. לייוויקן האָט דאָס קיין גוטס נישט געטאָן. זיין איינגעבוירענע ״טונקלקייט״ ווערט אויסגעלייטערט און אויסגעלייזט ווען ער זעגלט צו אַ קאָנקרעטן און קלאָר אָנגעצייכנטן ציל. אַזוי ווערט זיין איינגעבוירענע ״טונקלקייט״ נאָך טונקלער, צעשוואומען און פאַרטושירט.

דער עטאַפּ איז אָבער געקומען צו אַ קולמינאַציע־פּונקט. די נעפּלדיקייט האָט זיך אויסקריסטאַליזירט, און טיילן פון לייוויקס ״גולם״ האָבן אַ בלענד און זיך אַ שוואונג געטון צו לויטערע, וויזיאָנעריש־דיכטערישע הויכן. די לידער פון ״אין הייל״ און ״ניט גערופענע״ זענען פון די וואָגיקסטע, דיכטערישע דערגרייכונגען באַ אונדז!

אָט די טיילן זענען אַ פאַרגיטיקונג, אַ פאַרדינטער לוין פאַר לייוויקס שטרויכלונגען, פאַרן בייקומען די טונקלקייט אין זיך וואָס האָט אים באַהערשט דורך די יאָרן.

לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע ״דער גולם״ איז נישט קיין גאַנץ ווערק פון איינהייטלעכער דיכטערישער קוואַליטעט. לייוויקן איז, מיר דוכט, נישט געלונגען צו באַלעבן זיינע געשטאַלטן, זיי אָנצוקליידן אין בלוט און פלייש און זיי אונדז ווייזן אין אַ ניי ליכט וואָס מיר האָבן

מהר"ל פון פּראָג. ער האָט ניט אַוועקגעשטעלט זיינע העלדן ווי מענטשן אין לאָגישע סיטואַציעס מיט אומפאַרמיידלעכקייט פון אומפאַרמיידלעכען טאַט און וואָרט. ער האָט מאָדעלירט זיינע געשטאַלטן ווי קאָנצעפּציעס פון אַ באַשטימטער אידייאישקייט, מיט דער לאָגיק פון אַן אינערלעכן פּלאָנטער. און דער באַדייט פון זייער שאָטנדיקער און האַלב־שאָטנדיק־רמזימפּולער עקזאַלטירטקייט איז ווי פון פיגורן פון אַן אויסטערלישער סימבאָלן־וועלט.

ג

אין 1932 דערשיינט לייוויקס גרויס בוך "נייע לידער" פון 300 זייטן. דאָס בוך איז אַ געלונגענע עפּיטאָמע און דעמאָנסטרירט בעסער ווי אַלע אַנדערע ביכער לייוויקס — זיינע חסרונות און מעלות.

מיט לייוויקס דיכטערישער רייפקייט קומען אין דעם בוך צום פאָדער־גרונט זיינע אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטעריסטיש־לייוויקשע אייגנ־שאַפטן, און מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף די וויכטיקסטע.

ערשטנס: אויך אין דעם בוך איז נאָך פאַראַנען אַ היפשער עלעמענט פון איבערגעפּלאַנצטן געפיל פון די פריערדיקע ביכער, ווי צעשראָקענע פאַרווירטקייט, אַבסטראַקטער גראַנגל און אומבאַהאָלפנקייט אין אָנגעזיכט פון פּאַטום; מורא און אומצוטרוי צום מענטש, כאָטש עס מערקט זיך אַ דראַנג און אַ נאָכאַנאַנדיק רייסן זיך צו אים. עס פילט זיך אָבער אַ געוויסע נישטזיכערקייט וואָס שטייט ווי אַ צאַם צווישן לייוויקן און מענטשן, און צווישןביידן — אין דעם צווישנשייד — הויערט אַ צווייפל און מורא פאַר רשעות — דעם מענטשנס ווערק אין דער וועלט. די מורא און צווייפל קומען אָפּטמאָל צום פאָדערגרונט:

**איך וויים, איך וויים, איך וויים — ◈ דער מענטש איז אַ וואָלף, אַ טיגער; ◈ אין דעם באַזיגטנס בלוט און שוויים ◈ האָט ליב זיך צו באָדן דער זיגער.**



אָדער:

**די וועלט איז אומעטום גלייך און אויך גלייך איז דער טרויער פון מענטשן, ◈ און דאָס זעלביקע שלעכטס אומעטום און הנאה פון ווייטאָן און פייניקן, ◈ און דער זעלביקער דרוק פון רייכן און שטאַרקן אויפן אָרימן, שוואַכן, ◈ און דער־זעלביקער אויסגעשריי, הייב פונם פויסט און קרייץ פון די ציינער, ◈ און דיזעלביקע טעמפּקייט און דיזעלביקע שאַרפ־קייט פון הונגעריקן.**

.. (נייע לידער: "וואָלקנס אַהינטערן וואַלד")

און ווידעראַמאָל:

**דאָס אַלטמאַדישע פון דער וועלט: ◈ קרבן, געפאַנגענ־שאַפט, הינריכטונג, ◈ פאַרראַט, אָפּזאָג — — ◈ אַזוי ווי געווען, ◈ אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט געשען.**

(נייע לידער: "דאָס אַלטמאָדישע אין דער וועלט")

אַהער געהערן אויך אַ טייל פון לייוויקס סעריע "טאַטע־לידער", כאָטש אין זיי איז זיכער פאַראַנען אַ סך ווערטפּולעס פאַר פּסיכאָ־אַנאַליטיק פון שטאַנדפּונקט פון פרוידס פאָטער־קאָמפּלעקס־טעאָריע. אַהער געהערן אויך צוליב דער פאַרוואַנדשאַפט און אידייאישער שייכות די פאַנטאַסמאַגאָרישע, איבערנאַטירלעכע און קראַנקהאַפטע זעאונגען פון אַ צעשויבערט־פאַרווירטן געמיט ווי בא אַן עדגאַר עלען פּאָ, ווי בא אַ באָדלער; לייוויק פאַרמאָגט אָבער נישט אין די לידער זייער אויסערגעוויינלעך אָריגינעלע אויפפאַסונג, זייער נייע, אויסטערלישע בילדלעכקייט מיט וואָס זיי קויפן אויס זייער קראַנקע עמפּינדלעכקייט, — דערפאַר ווירקן זיינע זעאונגען נישט אַנגענעם און נישט היימלעך:

**און מיין זון ליגט אַ דערקוילעטער אויף ברעטער. ◈ זיין קינדערשער האַלדז איז, ווי געווען, דין.**

(נייע לידער: "פאַררעטער")

און :

**זינג נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל צו דער הייליקער שטריק, ◈ און צום האַלדז, וואָס ביינקט, וואָס רייסט זיך היינגען.**
(נייע לידער : "הירש לעקערט")

צווייטנס : קומען דאָ נאָכאַמאָל אַסך לידער וועגן זיין סיבירער דערפאַרונג. אַ דערפאַרונג פון דערזעלביקער "פאַרפייניקטער וועלט" מיט דעמזעלביקן הינטערגרונט פאַר אַסך לידער פון אַן אַנדער טעמאַטיק. דער סיבירער אָטעם שוועבט ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל ווי אַ באַגלייטמאָטיוו — איבער אַסך לידער אין דעם בוך.

איך זאָג דאָס פון שטאַנדפונקט פון גוטן לייענער, פון קריטישן לייענער וואָס פאָלגט אויפמערקזאַם נאָך און פירט אַ חשבון מיט אַ שרייבער, און באַ וועמען לייענען איז נישט אָפּהייענגיק פון דעם, וואָס דאָס אָדער אַן אַנדער בוך איז אים, על פּי צופאַל, געקומען אונטער דער האַנט, און מיט דעם הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס זיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם דיכטערס שעפערישער וועלט ; איך רייד דאָ פון ווערטפולן שטאַנדפונקט פון קריטישן לייענער, וואָס האָט אַ רעכט אָפּצופרעגן און צו מאָנען באַ אַ שרייבער, אַז פון איין בוך צום צווייטן זאָל זיין אַנדערשקייט אין טעמע אָדער פאָרם. אַ דיכטערס רעכט צוריקצוקערן זיך צו אַ טעמע וואָס ער האָט שוין איינמאָל באַרירט איז אַלעמאָל לעגיטים און אָפטמאָל ווינשנסווערט. ער מוז אָבער אינזינען האָבן אַז דיזעלביקע טעמאַטיק מוז פאַרטיפטער ווערן. ער מוז זי אונדז גיבן אין אַ נייער פאָרם. ער מוז זי אונדז ווייזן פון אַ ניי ווינקל וואָס דאַרף באַלויכטן ווערן מיט אַ ניי און אַנדערשדיק ליכט ווי פריער. אין קורצן : ער מוז אַלעמאָל אויסבעסערן, צוגעבן און פאַרבעסערן דאָס וואָס איז שוין איינמאָל געקומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערק !

און וואָלטן דאָס אַסך פון אונדז אינזינען געהאַט און פאַרטראַכט זיך וועגן דעם אַמאָל, וואָלטן מיר מסתמא ווינציקער געשריבן, דערפאַר וואָלט דאָס געשריבענע געווען מערער איבערגעטראַכט, קאָנדענ־



סירטער, אָן ווידערהאָלונגען, מיט אַ חוש פאַר דער טיף פון זאַכן און געשעענישן אָנשטאָט מיט אַ חוש פאַר דער ברייט. און גאָר וויכטיק איז דאָס פאַר דיכטער מיט ווייניקער אימפעט און מיט אַסך ווייניקער דיכטערישע כּוחות ווי לייוויק פאַרמאָגט !

אַ לייכטע אונטערזוכונג באַווייזט, אַז מיט אַסך פון זיינע נייע סיבירער לידער האָט לייוויק גאָרנישט צוגעגעבן צו זיינע ערשטע, גרויסאַרטיקע, סיבירער מאָטיוון. אפילו זיין פּאָעמע : "וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" וואָס פאַרמאָגט זיכער וויכטיקע, דיכטערישע שטעלן, און איז איבערגעדרוקט, ציטירט און געלויבט געוואָרן פון דער קריטיק, פאַרמאָגט נישט יענע שפּאָרעוודיקע דירעקטקייט ווי זיינע ערשטע סיבירער לידער.

**"איך פלעג זיך אויפהייבן אין מיטן דער נאַכט אויף שטרויענעם זאַק און פלעג קוקן, ◈ און פלעג ציילן די אויסגעצויגענע גופן פון ווינקל ביז ווינקל — ◈ צי איז ניט אַ וואונדער וואָס צענדליקער שלאָפן, און איינער איז וואַכיק און ציילט זיי ? ◈ צי איז ניט אַ וואונדער וואָס פינגער מיט נעגל סטאַרטשען אַרויס פון אונטער קייטן ?"**
(נייע לידער : "וואָלקנס אַהינטערן וואַלד")

וואָס גיט דאָס צו צו לייוויקס ערשטע, קלאָר־פאַרטראַכטע און רירנדיקע לידער ? — סיידן דעם גרינגן, ריטמיש־באַגלייטנדיקן רעפריין : "אָ, וואו ביסטו געווען דאַמאָלסט,דאַמאָלסט ? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט ?" דער רעפריין בעט זיך ממש געזונגען צו ווערן מיט עפּעס אַ לייכטער מעלאָדיע און קלינגט דיסהאַרמאָניש מיט דעם מאַסיוון געבוי פון גאַנצן ליד.

וואָס גיט אונדז, דאָ, לייוויק, אַחוץ צעצויגענע, פּראָזאַאישע שורות און אַ ווידערהאָלונג פון געפיל און געמיט וואָס זענען אַמאָל געווען ניי און עכט אין זיינע ערשטע לידער און וואו ער האָט באַוויזן, ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין אָנהויב פון מיין אַרבעט, אַרויסצוקריגן אין מינימום ווערטער אַ מאַקסימום שילדערונג פון קאָנקרע־

טער, סיבירישער דערפאַרונג און אָנצוגיסן זיינע שורות מיט אַ רירנדיקער, דיכטערישער טראַגיק פון אַ פאַרפייניקטער וועלט. אין אַלגעמיין ליידט לייוויקס דיכטונג פון נאַכלעסיקייט און נישט געצוימטקייט דאָרט וואו ער באַנוצט דעם פרייען פערז. ער פאַרלירט דעם קאָנטראָל וואָס ער האָט געוויינלעך אין קלאַסיש־געגראַמטן ליד, און דאָס ליד קריגט די אויבערהאַנט איבער אים.

איך וועל דאָ אויך דערמאָנען לייוויקס דראַמע: "קייטן" בלויז ווי אַן אילוסטראַציע פון זיין קלאַמערן זיך אָן סיבירער טעמאַטיק. כאָטש די דראַמע, ווי אַלע איבעריקע — מיטן אויסנאַם פון "גולם" וואָס איך האָב באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון ליד — פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער ראַם פון מיין איצטיקער אַרבעט.

ד.

אין לייוויקס לידער, און באַזונדערס אין זיינע "נייע לידער" ווידערהאַלן זיך נאָכאַנאַנד: וואָרט, ווערטער, ליד, לידער! מען באַמערקט באַלד ווי ער קלעפּט זיך, טוליעט זיך און קלאַמערט זיך איין אין וואָרט! ליד ווערט איצט פאַר לייוויקן: אַלץ! ליד ווערט: גלויבן און האָפענונג. רו און אומרו. אָנשפּאַר און דערלייזונג. דאָס געפיל דערגייט באַ אים פון דינסטער צערטלעכקייט ביז צום רייסן מיט די נעגל — וואָרט, ווערטער, ליד און לידער!

דער איינציקער שרייבער וואָס מיר איז באַקאַנט, אחוץ לייוויקן, וואָס רעדט אַזוי אָפט און אָפן, פאַרגאַפט און פול מיט באַוואונדער און פאַרוואונדער, מיט גלויבן אין שליחות פון וואָרט — איז דער וויכטיקער אַמעריקאַנער דיכטער־דערציילער שערוואוד אַנדערסאָן. פאַר אים, ווי פאַר לייוויקן, זענען אָפטמאָל ווערטער: "צרופים פון זילבן, באַהעפטונג פון שורות אין ביכער פאַרזיגלטע". דערפאַר קאָן לייוויק אַזוי אויפריכטיק אַ זאָג טון: "דאָס וויים פון פּאַפּיר פאַרבלענדט מיך". אָדער: "דעם אמת פון וואָרט פאַרנעם איך ווי דעם אמת פון טויט". ווערטער ווערן פאַר לייוויקן לעבעדיקע וועזנס: "לידער מיינע, ווי די גענדז מיט לאַנגע העלדזער". אָדער: "לידער



מיינע, ווי די קעלבער מיט די קיילעכדיקע אויגן". ער שטעקט אונדז אָן און מיר הויבן אָן רעאַגירן מיט אַ פיזישן פאַרגעניגן, ווי ער, באַם אויפלויכטן פון ווערטער, פון לידער. דערפאַר קאָן ער אָפטמאָל אַ בלענד טון מיט אַזעלכע טרעפלעכע און אומדערוואַרטעטע פיזישע פאַרגלייכונגען און געלונגענעם אָנווענד אויף וואָרט און ליד ווי: "מיט ווייסקייט פון לייב לויכטן ווערטער".

אין העלן ליכט פון זיין ווערטער־וועלט, אין שיין פון קענגזייטיקער ליבשאַפט — פון וואָרט פאַר לייוויקן און לייוויקן פאַרן וואָרט — איז שוין נאַטירלעך אַז אין דער וועלט זאָל זיך לייוויק פילן בעסער ווי אין דער רעאַלער וועלט. זיין גלויבן אין ליד איז קיינמאָל ניט פאַרצווייגן מיט יאוש ווי עס איז אָפטמאָל זיין גלויבן אין מענטש.

אין זיין לידער־וועלט איז לייוויק אַלעמאָל יאָנטעוודיק־אויפגעריכט. זיין געמיט איז אַלעמאָל האָפערדיק. דאָ פילט זיך נישט קיין סימן פון אַנטוישונג און צווייפל אין אומבאַפלעקטן אמת און יושר פון וואָרט. דאָס דערגייט באַ אים ביז אַ רעליגיזען עקסטאַז און איבערציינטקייט אין געהיימער שליחות, אין הייליקן באַרוף פון ליד. און פון דעם איז בלויז אַ שפּאַן צום באַוואוסטזיין אַז: "ווי קען זיין שולדיק דער, וואָס טראָגט זיין לעבן אָפן, דורך אויסגעשנייטער ערד, אויף פלאַטערדיקע סטראָפן". און פון דעם איז נאָך ווייניקער ווי אַ שפּאַן צום "אויפגעטרייסלטן גורל פון ניט־אויסגעלייזטן, ניט באַפרייטן מענטש". איז שוין טאַקע צו מערקן ווי לייוויק שפּאַנט איין זיין ליד אין אחריותדיקער שליחות פון סאָציאַל־אויפגעטרייסלטער וואָר, ווי ער שטעלט שוין אַוועק, פון צייט צו צייט זיין ליד — ווי אין דער סעריע "נעגערשעס" — אין דינסט, ווי באַשערטער סימבאָל פון פאַרברידערונג:

**זאָל זיין דאָס וואָרט אונדזער אויסקויפנדיקער פריינט, ◈ און אונדז פאַרברידערן, אונדז — לעצטע און באַהערשטע; ◈ און באַזינגען חברשאַפט צווישן מחנות פיינט — ◈ מיין אידיש ליד זאָל איינע זיין פון ערשטע!**

א באשטעטיקונג פאר לייוויקס נייעם, דירעקטן װענד מיט אָפענע אויגן, מיט מוטפולן בליק צו דער ווירקלעכקייט, צום רעאַלן, צו זיין איינגענעם ארום, צום אורבאַניסטישן: (מענטשנס אויפטו און דערגרייכונג!) צום אויפגעטרייסלטן יושר, צום לעבן — וואָס פארמאָגט נאָך אַלץ מערער געזונטן און ערלעכערן הערָאאיזם און אמתדיקן קינסטלערישן אָנרעג ווי דאָס טונקעלע, דאָס טשאַדנדיק־פּיקטיווע; און וואָס איז "פאַר לעבעדיקע מענטשן", ווי איליא ערנבורג האָט זיך נישט לאַנג געלונגען אויסגעדריקט וועגן אנדרע זשידם באַקער צום סאָציאַלן אינהאַלט פון לעבן, "נישט קיין העלדישקייט און נישט קיין קרבן, נאָר געזעץ פון זעלבסט־דערהאַלטונג!"

עס זענען שוין פאראַן אָנזאָגן, אז לייוויק האָט אונטערגעפירט אסך־הכל מיט זיין דערפאַרונג פון "א פארפייניקטער וועלט". אָנזאָגן — אז ער לעבט שוין נישט מער "פארשטעלט". אז ער האָט דעם באַוואוסטזיין, אז ער האָט די דערפאַרונג און די טונקלקייט קינסטלעריש אויסגעשעפט און דערשעפט! אַז ער שטייט אויף שייד־וועג, באַם ראַנד פון אַ נייעם קינסטלערישן אָנהויב. א גרויסער נסיון פאר א קינסטלער ווי לייוויק מיט דערוואָרבענע אחריות און גלאָריע, מיט איינענער, איינגעפונדעוועטער טעמאַטיק און מיט אייגענע, איינגעשטעלטע קינסטלערישע מיטלען פון באַנעם און אויסדרוק.

סימנים אויף אויסגעשפּראָכענער סאָציאַלער טעמאַטיק, אויף דערפאָלגרייכן באַקער צו קאָנקרעטער, באַדנדיקער וואָר, לידער מיטן טראָפּ אויף אמעריקאנער רעאַליטעט, אויף אידיש־אמעריקאנער ספּעציפישער וואָר, אויף אורבאַניסטישן צוגאַנג — זענען שוין פאראַנען אסך אין דעם בוך ווי: "נויאָרק אין שיינקייט", "נעגערשעם", "דאָס ליד וועגן ממזר אַלפרעד", "לייקוואוד", "לינטש", "האָליוואוד", "סאָבוויי באַגינען" "אייניקל פון אָנקל תם", "א בריוו פון אמעריקע צו א ווייטן פריינט" און אסך אנדערע פון דעם מין. לייוויקס גאַנצע סעריע היים־לידער וועגן זיין באַזוך אין איהומען, סאָוועטנלאַנד — אָטעמט שוין מיט זון, מיט געזונטן פּולס פון נייער אָפנקייט, מיט שברות פון געזונטער, צאַפּלדיקער פרייד. פון די לידער וויעט מיט פרייד, מיט באַטרונקענער אָפנקייט, מיט שברות פון געזונטער, צאַפּלדיקער פרייד:





**"גיס זיך ווייסער ווייַן, פון צפונדיקע הימלען — אין האַרץ צו מיר אַריין"...**

אין די לידער, ווי אין זיינע ערשטע "סיבירער לידער", ווי אין אסך אנדערע און ווי אין געוויסע טיילן אין "גולם", זענען ווידעראַמאָל געקומען צום פאָדערגרונט — לייוויקס העלזעערישקייט, זיין חוש פאר פּרעציזקייט און פאר עקאָנאָמיק פון וואָרט. איז זיך נישט צו וואונדערן וואָס לייוויק הויבט אָן אזוי פשוט, אזוי פראָסט די סעריע היים־לידער מיט אָט־אָ דעם ערשטן פערז פון ערשטן ליד וואָס איך ציטיר דאָ:

**פראָסט, פראָסט. ◈ איך קום און איך זאָג: אָט בין איך. ◈ ווערטער געקאָרנטע, אות נאָך אות. ◈ פאַר לידער פאַר נייע געפין איך.**

איך וועל נישט פארענדיקן מיט נביאות און מיט געבן עצות. איך גלויב אַליין נישט אין דער ווירקזאַמקייט פון פארשריבענע רפואות — ווייל סוף־כל־סוף איז א וויכטיקער טייל פון שאַפן אויך דאָס, אויף וויפיל יעדער דיכטער דערפילט אַליין — אינסטינקטיוו — מיטן זעקסטן חוש — וואָס איז גוט און וואָס איז נישט גוט פאַר אים...

### י. זאָלאָט

## דאָס ליד צו אונדזער צוקונפט

1.

די סאָוועטנמאַכט האָט אָפיציעל פּראָקלאַמירט בירא־בידזשאַן פאַר אַ אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע! —

פּאָעטן, וואו זענט איר? —

2.

צוויי דעקלאַראַציעס לטובת דעם אידישן פאָלק פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר.

איינע —

איז אַ צוזאָג — אַ דיפּלאָמאַטיש־טאַקטישער שריט פון אַן אימפּעריאַליסטישער מלוכה — וואָס זיין ווערט האָט מען געוואוסט פריער און מ׳זעט אים איצטער;

האָט אונדז גלייך אויף דער שטעל געבראַכט אין אַ צוזאַמענשטויס מיטן אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַליזם פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג;

איר אָביעקט איז אַ קליינע טעריטאָריע פון זייער באַגרעניצטע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן.

די צווייטע —

איז אַ גוט דורכגעטראַכטער, ווייט דורכגעטראַכטער באַשלוס פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער מלוכה; נישט בלויז אַ צוזאָג און אַן אָנבאָט, נאָר אַן אַקציע אונטערגענומען טאַקע פון דער מלוכה גופא, מיט דער הילף פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט;



פירט אונדז אריין — ניט אין אַ ווידערשפּרוך, נאָר אין דער טיפסטער האַרמאָניע מיט די אינטערעסן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און מיט די פונדאַמענטאַלע צילן פון דער מלוכה וואָס בויט אַ געזעלשאַפט אָן קלאַסן;

איז באַגרינדעט אויפן פּרינציפּ פון אמתער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואו בויענדיק דעם סאָציאַליזם בויען מיר אונדזער אייגן נאַציאָנאַל לעבן;

איר אָביעקט — אַ ריזיקע טעריטאָריע מיט גרויסע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן.

דאַכט זיך —
ווי קאָן מען גאָר די צוויי עפנטלעכע אַקטן פאַרגלייכן?
און פונדעסטוועגן —

געדענקט איר מיט וואָס פאַר אַ כוואַליע פון האָפנונג און פרייד די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אויפגענומען געוואָרן אין דער גאַנצער אידישער וועלט?

פון מיינע אייגענע זכרונות וויל איך דאָ ברענגען צוויי אינצידענטן. איינגיכן דערנאָך זענען אין נויאָרק פאָרגעקומען וואַלן צום ערשטן ”אידישן קאָנגרעס”. אַן עלטערער איד זאָגט מיר: ”דאָס מיינט מען דאָך ארץ־ישראל; אוואַדע וועלן מיר מיטגיין”. אַ מיטליעריקע פרוי, אַ ווילד־פרעמדע, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אויף איסט־בראָדוועי, רעדט צו זיך און צו מיר: ”וואָס הייסט, זיי ווילן פון מיר צען סענט? איך בין אַ סאַרווערקע; איך גראָד קאָן באַצאָלן די צען סענט און זיך אויך אריינמישן. ווי איז אָבער אויב איך קאָן ניט אָפּאָרדן צו ספּענדן די צען סענט — בין איך שוין קיין אידישקינד ניט?” (מ׳האָט געפאָדערט צען סענט פון יעדן שטימגעבער).

די צוויי געבראַכטע אילוסטראַציעס זענען ניט גרעסער ווי שפּילקעקעפּלעך. אָבער אונטערן פאַרגרעסערגלאָז קומען ארויס גענוג דייט־

לעך צוויי שטריכן: 1) אונטער אַל־אידישע אינטערעסן פאַרשטייט אַ איד — פּאַלעסטינע. און 2) פון אונטער דעם אַלעם שטעקט אַרויס דער שפּיץ פון אַ דאָרן — פון אַ שפּיז אפשר? ... — דער קלאַסנקאָנפליקט. און דאָס אַלץ איז פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון "אידישע אָנגעלעגנהייטן". —

ווי אַזוי־זשע איז באַגריסט געוואָרן די איצטיקע, די "קאַלינינשע" דעקלאַראַציע?

געלאַסן — פּאָרזיכטיק — קאַלט, פון דער פּרעסע, פון אַ טייל שרייבער. געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן האָבן זיך, דאַכט זיך, איננאַנצן ניט אָפּגערופן, און די ברייטע פאָלקסמאַסן ווייסן גאָר, קענטיק, ניט פון איר.

וואָס זענען די סיבות? —

### 3.

פּנים אל פּנים מיט אַזעלכע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן, וואַכט אין מיר אויף אַ סאָרט קאַלטע רציחה, אַ פאַרעקשנטער טרייב צו קוקן אַלע סיבות, אַלע כוחות און אַלע מאָטיוון גלייך אין פּנים אַריין.

קודם כל:

מיר זענען נאָך אַלץ אַ פאָלק פון באַלעבעסלעך, מיט באַלעבעסלדיקע השגות; אפילו אונדזערע אַרבעטער זענען באַלעבעסלעך און לעכצן כסדר זיך "אַרויפצואַרבעטן" יעדערער פאַר זיך, כאָטשבי אויף אַ סאָדע־קרעמל. מיט אַזעלכע לעכצענישן, האָבן מיר אַ גע־מלוכה, וואָס קאָן, ווי מיר מיינען, צאָלן אירע וועקסלען, כאָטש — זי צאָלט ניט. דאָ, פאַרשטייט איר מיך, רעדט אַ "לאָרד" (וואָס, איינגנטלעך, איז דאָס פאַר אַ חיה — אַ לאָרד?) און דאָרט — אַ פּשוטער פּויער. —



ווייטער:

אונדזערע חכמים פון לינקס האַלטן אין איין גיסן קאַלט וואַסער אויף אונדזער נאַציאָנאַלער פאַנטאַזיע, אויף אונדזער "כוח־הדמ", וואָס איז דער איינציקער כוח אויף דער זייט פון ביראָ־בידזשאַן און פון אַ ניי אידיש לעבן בכלל. רק זיי סטראַשען אונדז, אַז זיי "מאַכן פון אידיש קיין פעטיש ניט", אַז די סאָוועטנרעגירונג "קלייבט זיך ניט צו מאַכן פון ביראָ־בידזשאַן אַ צווייטע פּאַלעסטינע"; רק זיי האַקן־אונטער די פליגל דער פאַנטאַזיע, וואָס אָן איר קאָן מען קיין שום ניי לאַנד ניט אויפבויען. זיי האָבן מורא פאַר די שאָוויניסטישע טענדענצן וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין יעדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. נו איז וואָס? די סאָוועטנמלוכה, וואָס האָט גענוג כוח צו באַקעמפן דעם שאָוויניזם פון די אוקראַאינער — אַ פאָלק פון דרייסיק מיליאָן מענטשן מיט אַ גרויסער אייגענער טעריטאָריע — קאָן זיכער פאַרטיק ווערן מיטן שאָוויניזם פון, זאָגן מיר, אַ מיליאָן מערידאַלניקעס און אידישע אינטעליגענטן. אָבער די מעשה איז, אפשר, וואָס אונדזערע אייגענע חכמים פון לינקס ציטערן פּשוט פאַר קאָנקורענץ: זיי האָבן מורא, אַז אַ פאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַלער סענטימענט וועט זיי אַליין פאַררוקן אָן אַ זייט און וועט אַרויסרוקן אַנדערע עלעמענטן אין פראָנט.

דערנאָך:

אין אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט מוז יעדע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגסבאַוועגונג אומפאַרמיידלעך אַריינפאַלן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, צוליב איר ספּעציפישן געוויכט אין דער דערמאָנטער קאַפּיט. וועלט. דער אַרויסקום דערפון איז — די השפּעה פון דער בורזשואַזיע אויף די אַרבעטער. אַ גוטע אילוסטראַציע זענען די פּועלי־ציון. אין קולטורעלן זינען זענען זיי אפשר דער בעסטער עלעמענט אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. אין פּאָליטישן — זענען זיי קודם־כל ציוניסטן; סאָציאַליסטן — אויף לעתיד לבוא, מירצעשעם אַז משיח וועט קומען. דאָס הייסט, זיי זענען גרייט צו

בויען אַ קאַפּיטאַליסטישע מלוכה, אַבי זי זאָל זיין אַ אידישע, און דערנאָך וועלן זיי —

און דאָ, אין בירא־בידזשאַן, דאַרף מען פריער בויען סאָציאַליזם און "דערנאָך ערשט" די אידישע טעריטאָריע. —

און לסוף:

פּאַלעסטינע האָט אַרום זיך דאָס נויטיקע געוועב פון געפיל און פאַנטאַזיע וואָס בירא־בידזשאַן האָט ניט. מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אידן האָבן ניט געהאַט קיין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט פּאַלעסטינע ווי מ'האָט מיט אַ לאַנד וואו מ'איז געבוירן, אָדער מיט אַ ווייב וואָס מ'האָט זי געקושט און — אפשר — געשלאָגן. פּאַלעסטינע פאַר אַ אידן איז — הוילע פאַנטאַזיע: ער האָט זי אין זיינע אויגן נישט געזען. עס איז בלויז דער כישוף און דער כוח פונם היסטאָריש־פּאָעטישן געוועב פון געפיל און פאַנטאַזיע — אַסך אַ גרעסערער כוח ווי אונדזערע חכמים פון לינקס זענען פּייאיק אָפּצושאַצן.

### 4.

"ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך?..."

די פאַרוואָרגענע טרער, די בענקעניש פון דורות, האָבן צוגעגעבן אַזאַ נאָגנדיקן, ווייטיקדיקן אויבערטאָן צום ליד, אַז הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד איז עס געגאַנגען מיט די פינגער איבער די סטרונעס פון אונדזערע הערצער — און האָט ניט געלאָזן לעבן, און האָט ניט געלאָזן שטאַרבן. און — אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט אויפקלינגען אַ ליד צו אונדזער צוקונפט אַזוי רירנדיק און טיף ווי די לידער צו אונדזער פאַרגאַנגענהייט — וועלן מיר קוקן מיט חשד און אומצוטרוי צו אונדזער צוקונפט.



### 5.

מ'זאָל ניט גרינגשעצן דאָס ליד! —

די שרייבער און זינגער פון לידער — די שאַפער פון אַלערליי פאַרמען דאַכטונג ("דיכטונג", בלע"ז) — איבערשאַצן אַ היפּש ביסל זייער ספּעציפיש געוויכט אין דער עקאָנאָמיק פון דער וועלט, שיר ניט פון אוניווערז. אָבער די אַנדערע — די זשורנאַליסטן, די פּאָליטיקער, די פּראַקטיקער מכל המינים — אונטערשאַצן די וויכטיקייט פונם ליד און פונם געדאַכטן בילד. קיין לענדער בויט מען ניט בלויז מיט לידער, נאָר קיין לאַנד איז נאָך קיינמאָל ניט געבויט געוואָרן אָן זיי. אַרום יעדן געזעלשאַפטלעכן אויפטו וועבט זיך אויס אַ נעץ פון געפיל און פאַנטאַזיע: מעשות — לעגענדעס — לידער, וואָס זייער תוך און זייער מיסיע איז צוזאַמענצוגיסן די לעבנסענערגיע פונם יחיד מיט די נויטן פונם כלל — דער וויכטיקסטער באַדינג פאַר כלל־אויפטוען פון אַ גרויסן פאַרנעם. דער "ציון הלא תשאלי" און ענלעכע שאַפונגען האָבן געהאָלפן קאָנסערווירן די נאַציאָנאַלע ענערגיע וואָס איצט, אַזוי פיל דורות שפּעטער, שיקט זי מחנות נאָך מחנות חלוצים קיין פּאַלעסטינע.

איז נאָכאַמאָל:
פּאָעטן, וואו זענט איר? —

איך קוק זיך צו נעענטער און דערזע, אַז דאָס איז ניט פּשוט אַ פראַגע, נאָר אַ קלאָץ־קשיא.

אַ גרויסע און אַ טיפע מניעה שטייט אין וועג פונם "ליד צו אונדזער צוקונפט" וואָס דאַרפן ביידע ערשט געבוירן ווערן — אי די צוקונפט, אי דאָס ליד.

די זינגער צום לאַנד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט האָבן פאַר זיך — אַחוץ דעם דראַנג און דער האָפנונג צו פאַרוואַנדלען עס אין אַ לאַנד פון דער צוקונפט — אויך אַ פאַרטיק געוועב פון געפיל און פאַנטאַזיע. עס גרייכן צו זייערע אויערן וויבראַציעס פון גלעקער וואָס

האָבן אָפּגעקלונגען הונדערטער יאָרן צוריק, וואָס רעגן זייער בלוט און וועקן זייער געפיל פון ריטם. זיי האָבן אויך אין זייער רשות "געשיכטע" און "טראַדיציעס" — אַ שאַצקאַמער פון קאָנקרעטיזירטע מאָטיוון וואָס לאָזן זיך אויפכאַפּן פון דער שאַפּנדיקער פאַנטאַזיע. זיי האָבן צו דער האַנט דעם ליים און שטרוי וואָס זענען נויטיק אויף צו מאַכן ציגל.

די זינגער צו דער צוקונפט, ווידער, ווען אַזעלכע וועלן זיך באַווייזן, וועלן דאַרפן האָבן גענוג כוח אויף מיט די הוילע פינגער אויסצושלאָגן פונקען פון אַ שטיין. דורכדרינגען מיטן אויג דורכן נעפּל פון דער צוקונפט איז אוממעגלעך — פּשוט דערפאַר וואָס קיין צוקונפט עקזיסטירט ניט משׁשת ימי בראשית — די צוקונפט דאַרף מען מאַכן, אַז ניט וועט זי ניט קומען. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן איז — דער ווילן און די גרויסע האָפנונג. ווי אַזוי זשע — אָן וואָס זשע זאָל זיך אָנכאַפּן די פאַנטאַזיע, ווען קיין קאָנקרעטער מאַטעריאַל איז ניטאָ און קיין טראַדיציע אויך ניט?

אַן ענטפער דערויף קאָנען מיר געפינען אין דער — טראַדיציע.

געדענקט איר די מעשה "יציאת מצרים"?

ס'אַ שיינע מעשה, און איר מעגט זיך פאַרגינען אַמאָל אַהין אַריינקוקן. נאָר וואָס איך בין דאָ אויסן איז בלויז איין חן־פינטעלע אירם:

באַלד נאָכן אַריבערגיין דעם "ים־סוף" בשלום, האָט מרים די זינגערין, די שוועסטער פונם פּאָליטישן פירער משהן, גענומען אַ פּויק אין די הענט און איז אַרויס מיט — ניין, זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געזאַנג ווי מ'ברעכט־אויס אין אַ געוויין. וועגן וואָס האָט זי געזונגען — וועגן דער פאַרגאַנגענהייט אפשר? ניין, זי האָט געזונגען פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען פאַר איר אין די אויגן. און דאָס איז דער ענטפער:

ד י  ז י נ ג ע ר  צ ו  א ו נ ד ז ע ר  צ ו ק ו נ פ ט  ד אַ ר פ ן
ז י נ ג ע ן  ו ו ע ג ן  א ו נ ד ז ע ר  ה י י נ ט . —





## צייטשריפט

אַ גאַנצע רייע נייע זשורנאַלן אויף אונדזער גאַס: כן ירבו. עס איז פריילעכער צו באַווייזן זיך אויף דער זון אין דער געזעלשאַפט פון יונגע חברה — בכלל. וואָס דאָס הייסט ניט, אַז אויך בפרט — און אַלעמאָל — איז פאַראַן מיט וואָס זיך צו פרייען. דאָ וועלן באַרירט ווערן בלויז פונקטן פון אינטערעס אין אונדזער פעריאָדיק.

פאַראַן שוין דריי נומערן פון באַנייטן "אינזיך". אין ערשטן נומער: אַ לידל פון יעקב גלאַטשטיין וועגן דעם "קבצן שבת". דאָס "עקספּערימענטירן מיט דער שפּראַך" ווערט דאָ געהאַלטן אין צוים, איז אונטערגעוואָרפן דעם זינען און דער שטימונג און איז טאַקע אַ הילף צוביידן. איך וויל זיך ניט אָפּזאָגן פונם פאַרגעניגן צו ברענגען עס דאָ ווי עס שטייט און גייט:

## פאַרטריפטער לייכטער

**דרויכס און אויבס און שאַלעשידעס. ◈ דורכן פענצטער רייט אַ שטערן. ◈ דער אָפּגעריסענער אוירעך שאַבעס־קוידעש ◈ וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן.**

**אַ געפרעפלטע לאַוועמאַלקע ◈ ברומט באַכאַבע צו דעם גיטוואָך. ◈ וויקסלוועקסל צאַלנצאַלן ◈ זונטיקמאָנטיקדינסטיקמיטוואָך.**

**געלפאַרוועלקט די זילבערבאָרד. ◈ דאָס געמיט שוואַרץ און הונטיק. ◈ פילעוואָך עפנט הונגערפיסקעס, ◈ ביי דער טיר גראַבלט זונטיק.**

**אין דעם ווינקל טריפט די מוידשטשינע ◈ (ס'פידלען פאַלשע קלעזמאָרים). ◈ לעדערנע אַלטע ציטערהענט ◈ זוכן פּשאַט אין שטויב פון ספאָרים.**

**דער שנײַ אינדרויסן זאַווערוכעט, ◈ שליטלט און קנאַקט מיט בײַטשן. ◈ אויף טויבנפּיסלאַך היפּט לאַשנקוי־דעש ◈ מיט בײַנעוודיקע אידישטײַטשן.**

**מעש און קופּער פּירן סוידעס. ◈ ווענט באַגליט פון זײַדע־באַבעס. ◈ אויף דער שוועל לעקט דאָס קעצל ◈ לעצ־טע טריט פון קאַבצן שאַבעס.**

דאָס געראָטענע "קעפּל" מאַכט עס זיכטיק פאַרן אויג ווי א געמעל.

אין די דרײַ נומערן זענען פאַראַן נאָך אייניקע אינטערעסאַנטע לידער, ווי די צוויי פון יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס "צו אַן אמאָ־ליקן באַנברודער" — אַפּראָפּאָ היטלעריזם. וועגן דעם ארטיקל "צו די אַלע וואָס מאָנען אָריענטאַציע" ווערט גערעדט אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין דעם איצטיקן נומער "סטודיאָ".

"מאָסן" — איינמאָל אין צוויי חדשים — נומער איינס: "טרעפ", א דערציילונג פון פּסח מאַרקוס. א צאַפּלדיקע טעמע פון אונדזער ארומיקן לעבן. די אויספירונג איז שוואַכער פון דער טעמע. עס ווערט געזאָגט, למשל, אַז דער איד האָט זיך אַרויפגעאַרבעט דורך טרעטן אומברחמנותדיק אויף אַנדערע מענטשן — געזאָגט, נאָר ניט געוויזן. אויך ליגט זיך ניט אויפן שכל, אַז א מענטש זאָל ווערן אַזוי רײַך אין אַמעריקע און בלײַבן א פּולשטענדיקער אַנאַלפאַבעט וואָס קאָן אפילו ניט איבערלייענען זײַן אייגענעם נאָמען אויפן פראָנט פון זײַן הויז. דער שטריך איז ניט טיפּיש, אפילו ווען מ'באַגעגנט אים אין לעבן. די דערציילונג איז געשריבן אין שטרייננג־רעאַליסטישן טאָן און קאָן זיך דעריבער ניט דערלויבן קיין אָפּווייכונגען פון טיפּישן אמת. דאָס איז א פאַל וואו רעפּאָרטאַזש האָט אַראָפּגעפירט דעם קינסטלער פון וועג, ווײַל רעפּאָרטאַזש איז ניט דער קינסטלערישער אמת. און דאָס האָט אים נאָך איבערגעפירט א חן־פּינטל: דער איד שעפּט נחת פון פרעגן בא פאַרבײַגייער דעם נאָמען פון הויז, אונטערן אויסרייד אַז ער האָט פאַרגעסן זײַנע ברילן אין דער היים — דאָס וואָלט געהאַט מער טעם ווען ער קאָן דאַווקע יאָ לייענען.

ארום־און־ארום — א גוטע דערציילונג. —





אין דעם זעלבן נומער שרײַבט א. טאַבאַטשניק וועגן אָפּאַטאָשוס "א טאָג אין רעגענסבורג". דער ארטיקל איז פול מיט טרעפלעכע באַ־מערקונגען וועגן אָפּאַטאָשון, נאָר צום באַהאַנדלטן בוך איז ער פונ־דערסטוועגן אומגערעכט. דאָס בוך איז ניט אַן איבערקייעכץ פון אָפּאַ־טאָשוס אַנדערע שריפטן, גיכער איז עס א קיצור פון זײַנע באַליבטע מאָטיוון, וואָס אין זײַנע אַנדערע ווערק זענען זיי צעוואַסערט און אָן טעם. (אַז מ'מוז האָבן אסך "בענדער" איז דאָך ניט שייך!) דאָס בוך האָט יעדענפאַלס די מעלה פון קורצקייט און קאָמפּאַקטקייט, פון אָנ־געזעטיקטקייט. —

"באָדן", פערטל־יערלעך, אונטער דער רעדאַקציע פון נ. ב. מינקאָוו:

**"דערגרייכונגס פאַזן צעבליען זיך אַזאַרט, ◈ געקאָוועט צו אַ ניכטערן קאָדעקס. ◈ עס פיבערט אַן אומפאַסענדער רעפלעקס, ◈ פערזאָנאַזש האָט אויף פורעם זיך דער־האַרט. ◈ מוסטער געקעכלט פון הייפלס קאַמ־פלעקס, ◈ האָט איבערהיפּט די אַשיקע צוימען; ◈ אויפּס־ניי צעפּאָכט צאַנקענדע טרוימען. ◈ גאַלאַנט סומירט זיך אַ שטראַליקער סטאַזש, ◈ וואָיאַזש גייט אָן מיט קוואַליקן פּאָליאַנט. ◈ פון געפירט צו פירן שטרעקט זיך אַ האַנט". —**

דערמיט הויבט זיך אָן דאָס ערשטע ליד און דער ערטשער נומער „באָדן". אויב איר ווייסט וואָס דאָס מיינט, לאָזט אונדז וויסן דורך א בריוו אין רעדאַקציע. פאַראַן נאָך א סך פון דעם מין — און אפשר איז עס אַן אַנדער מין פון דעם מין — ווער קאָן וויסן? דאָס איז זיך איין זייט פונם "באָדן". פאַראַן א צווייטע, א פאַרקערטע, וואו מ'איז אַזוי פּראָפעסאָריש־שווער און ערנסט אַז גאָט זאָל זיך מרחם זײַן. דאָרט, אין די ארטיקלען, רעדט זיך פון זאַכן וואָס אַלע גראָבע קעפּ קאָנען פאַרשטיין, נאָר וואָס דען? — ס'איז ניט אינטערעסאַנט — עס גלוסט זיך ניט לייענען. די וויכטיקסטע ארטיקלען זענען — מסתמא — מינקאָווס וועגן מאָריס ראָזנפעלדן, פ. ראָמאַנאָווס "גאָטס

האַנט" (וועגן קונסט) און יעקב מעסטלס "די בינע־דראַמע". פון מינ־קאָוון נעם איך אַרויס, ווי אַ פּירוש, דעם ריכטיקן געדאַנק: "אַן אומאָרגאַניזירטער קינסטלער מעג זיין אומגעהייער אינטערעסאַנט אין זיין מאַטעריאַל, אָבער מ'ווערט אומגעדולדיק מיט זיין אומציכטיקייט און מיט זיינע פאַרלוסטן צוליב פאַרלעצונג". — עס ווערן אַנאָנסירט פאַר די ווייטערדיקע נומערן אַ פּאָר אינטערעסאַנטע אַרבעטן אונטער אינטערעסאַנטע נעמען. —

"ליד", פערטל־יערלעך, רעד. פון יחזקאל בראָנשטיין, לאָס אַנדזשעלעס. נומער איינס:

אַ פּאָר שורות פון אַלטער עסעלינס "פראַגמענט":

**"איך האָב געחלומט ווי ישעיה ◈ און האָב ניט געהאַט קיין ווערטער. ◈ גיי ווייס אַז ווערטער שטאַמען ◈ פון אַ קאַלטן, ווילדן שטערן — ◈ אַז פריער דאַרף מען זיי באַ־דמען, ◈ דערנאָך מיט אייגן בלויט זיי נערן".**

אַן אייגנאַרטיק, פאַבלמעסיק געשריבן ביטער ליד פון בער שנאַפּער: "אַ מעשה מיט אַ הונט, אַן אָרעמאַן און אַן אַלטן פאַן". עטלעכע שורות פון דער תפילה מיט וועלכער "דער גרעסטער אָרעמאַן" ווענדט זיך צו גאָט:

**אָה גאָט, וואָס דיין משפט איז קיינמאָל ניט גערעכט, ◈ און דיין האַרץ איז גראָב און דיינע מעשים זענען שלעכט; ◈ אָה גאָט, וואָס דיינע דרכים זענען אייביק קרום, ◈ און טוסט פאַרגעסן אָן דעם וואָרט און אָן דער בלום ◈ וואָס אין אַ שאָטן ערגעץ זי געדייט — ◈ אָה גאָט, רויב אַוועק באַ מיר דיין שענצטע פרייד ◈ צו זיין באַ דיר דיין גרויסער, גרעס־טער אָרימאַן... ◈ אָה, לאָז מיך, לאָז מיך גיכער זיין אַ הונט באַם פאַן!**



דאָס ליד הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

**"איז גוט וואָס מענטשן זענען אָרעם, ◈ וואָרים — ◈ ווען אַלע מענטשן וואָלטן רייך געווען, ◈ וואָלט אָט די גאַנצע מעשה ניט געקאָנט געשען"...**

"בריקן" (שיקאַגע), נומער 3:

ב. ריווקין זעצט פּאָר זיין מאָנאָגראַפיע וועגן משה לייב האַלפּערן, און ש. ל. שניידערמאַן דערמאָנט אונדז, אין אַ קורצן, סכעמאַטישן אַרטיקל, אַז ס'איז שוין דרייסיק יאָר זינט זלמן שניאור אַרבעט אויף אונדזער ליטעראַרישן פעלד. עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק אַן אויס־גאַבע — די ערשטע — פון שניאורס ווערק אויף אידיש אין 16 בענדער. —

אין דער "צוקונפט" — ווי אויף דער שיפּקאַ — איז "אַלץ רואיק". —

וואָס איז דער מער מיט דער "צוקונפט"?

דאַכט זיך — אין "ערנסטער" זשורנאַל. גאַנץ אָפט געפינט מען דאָרט גוטע זאַכן. אין יוני־נומער, למשל, פאַראַן אַ פּאָר פיינע לידער פון נחום יוד און ה. לייוויק. פונדעסטוועגן, פאַרקוקסטו אַהין מיט אַזאַ ברען אומגעפער ווי אין אַ שול אויף ריווינגטאָן סטריט אויף אַריינ־צוכאַפּן אַ מנחה. עס דאַכט זיך דיר — עס זיצן דאָרט אַלטע אידן און שמועסן נאָך אַלץ פון דעם יון און דעם תוגר, כאָטש זיי ריידן גאָר וועגן אַמעריקע און יאַפּאָניע, צי וועגן פּאַלעסטינע און בירא־בידזשאַן. ווי אַזוי דערגרייכן זיי אַזאַ עפעקט? אַ רעטעניש. ט'אַפּנים — דורך "גיין צו־פוס": מ'שרייבט זיך אַזוי פּאַוואָלינקע, און מ'שרייבט זיך, און מ'שרייבט זיך, יאָר־איין־יאָר־אויס, העפט־איין-העפט־אויס — הונדערט שורות וואו צען זענען נענוג און צען עמודים אָנשטאָט איין־און־האַלב. אַ ברכה פון גאָט. אגב: פאַראַן דאָרטן אַ וואַרעם ווינקעלע פאַר דער העברייאישער ליטעראַטור, טאַקע באַם סאַמע הינטערגאַוויון. —

דער "האַמער", יוני, 1934.

איך גיי־צו צום העפט מיט אַ שווער האַרץ, מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם באַגער זיך אַליין אָפּצונאַרן: עס איז אַ "פּאַרטיי-אָרגאַן"; עס איז כמעט זיין חוב צו זיין לאַנגווייליק.

דאָס שווערע האַרץ — דאָס איז דאָס שרייבערשע האַרץ, דאָס האַרץ וואָס איז אַזוי אָפט "פאַרדאַמט" געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע: אַ האַרץ, וואָס עס גייט דעם אין לעבן אַ שיין וואָרט — אַ גוט וואָרט — אַ וואָרט וואָס איז פּאַסיק, וואָס איז דאָס פּאַסיקסטע פאַרן באַהאַנדלטן ענין, נאָר אין זיך גופא ליגט עס ערגעץ אויף דער גאַמע צווישן דעם בום פון אַ גלאָק און דער תפילהדיקער שטילקייט פונם צפון־ליכט אין סעפּטעמבער אין נויאָרקער "אַפּ־סטייט".

אך יאָ! דער "האַמער" טוט זיין "פליכט" אין די אַרטיקלען. דאָס איז נאָך מער פאַרדראָסיק דערפאַר, וואָס די באַהאַנדלטע ענינים זענען צאַפּלדיקע, דער אָטעם— אַ הייסער, נאָר איר שלינגט עס ווי ריצנאייל: איר ווייסט אַז ס'איז גוט פאַר אייך, נעמט איר עס איין ווי אַ רפואה. און איך כאַפּ זיך באַ דער גנבה, אַז גאַנץ אָפט נעם איך עס איינגאַנצן ניט איין, אַז איך דריי זיך אַרוים דערפון. בין איך דער איינציקער בעל־עבירהניק וואָס גיט זיך אַזוי נאָך דעם טרייפענעם האַלדז? לייענען די מיטאַרבעטער פון "האַמער" איינער דעם אַנדערנס אַרטיקלען? אויב ניט — פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס מוז עס אַזוי זיין?

מיר ווערט גרינגער ווען איך גיי־צו צו דער "שיינער" ליטעראַטור אין דעם דערמאָנטן נומער. משה נאַדיר גייט־אָן מיט זיין מאָנומענטאַלער פּאָעמע "אַ וועלט מיט אַרבעט", וואו עס איז אַזוי אינטים פאַרפלאָכטן דער קראַנקער איך מיטן גרויסן אַרומיקן ניט־איך. ער גייט מיט אַ וואַקלדיקן גאַנג, שטעלט איין פוס אויף דער ערד און מיטן אַנדערע צילט ער זיך אָן אויף זיין אייגענעם אויער. דאָס איז טשיקאַווע. דאָס איז אַ סך מער ווי טשיקאַווע. אונטערן קעפּל "אַזוי דאַרף מען היינט ניט שרייבן" (אך, דער גאַליציאַנער!) שרייבט ער, און



שרייבט וואונדערלעך גוט. צום סוף לאָזט ער זיך גאָר אַוועק אויף "מאָדערניסטישער" עקספּערימענטאַציע אַ־לאַ־דזשאָיס, און איר שפּיצט אָן די אויערן און קוקט מיט חשד: אַלליטעראַציעס — צופעליקע אידייען־אַסאָסיאַציעס — קאָפּשטיק און לויזע פאָרם. דעם אָביעקטיוון רעזולטאַט וועט מען קאָנען אָפּשאַצן ערשט שפּעטער. דער סוביעקטיווער, דער באַלדיקער, איז אַ געפאַלענע טעמפּעראַטור באַם לייענער.

עס איז שווער נאָכצופאָלגן אין אַ זשורנאַל ראַבאָיס לאַנגן ראָמאַן "אַ מעשה מיט ניין ברידער". דאָס בעסטע וועט זיין אים צו לייענען ווען ער וועט אַרויס אין בוכפאָרם. איך וויל האָפן, אַז ראַבאָי האָט זיך שוין געננוג אַריבערגעפלאַנצט אינווייניק אין זיין נייער סביבה, אַזוי אַז ער זאָל איר באמת קאָנען דינען מיט זיין שרייבן.

איך וועל נאָך דערמאָנען דעם פיין געשריבענעם קליינעם עסעי־פעליעטאָן "מיין שטעטל", פון דוד קעשיר. —

אין "אויפקום" נומער 3—4 —

צוויי פיינע לידער: "די שיינקייט פון מיין דור" פון א. ניסענזאָן, און "צוויי שעה צופוס" פון אפרים אויערבאַך. מלך ראַוויטש און ש. ד. זינגער שטעלן זיך אָפּ אויף חיים ליבערמאַנס "אָפּזאָג פון דער ליטעראַטור" — און נעמען אים צו ערנסט.

"סטודיאָ", נומער 1 — דער איצטיקער נומער, הייסט עס.

"דער שטול" איז אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן, צוגעריכט ספּעציעל פאַר "סטודיאָ". כדי צו מאַכן עס פאַרשטענדלעך, איז דאָס קאַפּיטל אַביסל איבערגעלאָדן געוואָרן מיט כאַראַקטעריסטיק גענומען פון אַנדערע קאַפּיטלעך. דאָס שטערט, נאַטירלעך, דער סטרוקטור פון דער זאַך.

ש. מיללערס "ויכוח" איז אויך אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן. פונם קאַפּיטל באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די הויפּט־מיסיע פון דער איבער-

קערעניש אינם אַמאָליקן רוסלאַנד איז צו דינען פאַר אַ טעמע פון אַ ויכוח צווישן לומדים פונם אַלטן און פונם נייעם טיפּ. איך וויל האָפן, אַז ש. מיללער איז ניט אַזוי נאַאיוו און אַז דער ראָמאַן אין זיין גאַנצקייט פאַסט־אויף די סאָציאַלע איבערקערעניש פאַר דאָס וואָס זי איז—ניט ווי אַ צוזאַמענשטויס פון אידעאַליסטישע אַבסטראַקציעס, נאָר ווי אַ קאַטאַקליזם פון כוחות אין דער רעאַלער סאָציאַלער סטיכיע.

די פיר לידער פון מ. ל. האַלפּערן זענען פון די וואָס זענען פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט און גייען באַלד אַרויס אין צוויי בענדער. אין די געבראַכטע פיר זענען אינטים פאַרפלאָכטן דער ווייכער ליריזם און דער רויער אויסגעשריי וואָס זענען ביידע אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאַרשטאָרבענעם פּאָעט. דאָס רירנדיקע "קלאָגליד אויפן טויט פון איר מאַן" פון מאיר שטיקער איז אַ פּאַסיקער אַקאָמפּאַנימענט, אַפּאַרט פון דעם אמתן פּאָעטישן ווערט פון די לידער גופא.

ה. רויזנבלאַטס "בער און זיינע בנימלעך" איז גאַנץ באַזונדערס אויפן פּלאַץ אין אַ ביכל וואָס איז געווידמעט "דער דערציילונג און דעם ליד", ווי עס איז דער ערשטער נומער "סטודיאָ" — ווייל עס איז צוליב זיין דערציילערישן כאַראַקטער ביידע. דאָס איז אַ קאַפּיטל פון אַ פּאָעמע „ליים" וואָס געפינט זיך נאָך באַם פּאָעט אויפן וואַרשטאַט. די פּאַרשוינען דאָ זענען פון יענע וואָס מיר האָבן געזען אין דעם פאָרנייענדיקן בוך "הרודעם". דאָס זענען, דאַרף מען פאַרער זיך אָם שנעלסטן צו צו די נייע פאָרמען פון לעבן אין די קאָלאָניעס פון קרים און ביראָ־בידזשאַן. ראָזענבלאַט, אָבער, האָט אייניקע פון זיינע פּאַרשוינען אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע, וואו דאָס לעבן מאַכט פון די רויע הרודעם — ליים. וואָס אַמעריקע און דער פּאָעט וועלן פון זיי אויסקנעטן בלייבט צו זען פונם בוך ווען עס וועט ווערן פאַרטיק. דערווייל אָבער איז צו מערקן אין דער נייער פּאָעמע דעראָרימאַנסקע אידיליע, ניט־געקוקט אויפן שווערן לעבן וואָס דאָרט ווערט געשילדערט: בער, מיט אַ שווערן פּאַק ציימונגען אויף די פּלייצעס, אין אַ רויען פאַרטאָג אויף די ראַנדן פון נויאָרק, ברעכט־



אויס אין אַן אוקראַינישן ליד — פון הוילער, כמעט פיזיאָלאָגישער הנאה פון לעבן. —

און אָט איז די אָרימאַנסקע אידיליע אין איר אָריגינעלער איינפאַסונג — באַ יוסף ראָלניקן. עס איז טשיקאַווע צו זען, וויאַזוי אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעוואוינט צענדליקער יאָרן אין נויאָרק, דערציילט וויאַזוי ער האָט "זעקס טעג אַ וואָך געגעסן פּוטער און קעז פון אונדזערע פרעסטע קי" מיט אַזאַ פרישקייט, אַז עס הויבט אייך צו וואַסערן אין מויל. —

גאַנץ ווייט פון אידיליע און ווייט פון ווייטקייטן זענען מיר מיט די נאָכפאָלגנדיקע פיר פּאָעטן: י. גלאַטשטיין, מ. קאַץ, אַ טאַבאַטשניק און א. גרינבערג. דאָ שפּירט זיך דער אָטעם פון אַ מעטראָפּאָלים און פון היינטיקע ציימן. מיר זענען אין נויאָרק — אין 1934 — שיר ניט אונטער דער "ען אַר איי"!... —

נחום יוד און נחום פאָזנער זענען אינגאַנצן אויסער צייט און אָרט. פאַראַן אַ סברא, אַז דאָן קיכאָט איז, ווי איוב, לא היה ולא נברא, נאָר אַ משל אַזאַ, אָבער — אָה! — אַ שיינער משל. —

## לאַמעד שין

# שרייבטיש

### חיים נחמן ביאַליק

געשטאָרבן.

אין איין מאָמענט איז אַ מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע. מ'וועט ריידן וועגן אים, מ'וועט שרייבן וועגן אים, מ'וועט זאָגן וועגן אים די זשורנאַליסטישע אידיאָטיש־קייטן: "דער נאַציאָנאַלער פּאָעט", "דער נביא", "שירה", "נבואה", בע, מע — און ער וועט זיך ניט אַריינמישן. היה כלא היה — אָט פּונקט ווי גאָר קיינמאָל ניט עקזיסטירט. אַזוי פּשוט. אַזוי שרעק־לעך. —

פֿאַר די לייט וועט ניט זיין געגנוג וואָס ער איז געווען אַן עכטער מענטש — אַ מענטש פֿון עכטקייט, וואָס האָט געטון וואָס ער טוט ביז דעם סאַמע דעק, ביז צום ביטערן אומרעכט אפֿילו; פֿאַר די לייט איז ניט געגנוג וואָס ער איז געווען אַן עכטער פּאָעט, און עכט־קייט איז געווען זיין סימן: ער האָט אין זיין לעבן ניט אָנגעשריבן קיין שורה אָן דער עכטקייט פֿון געפֿיל אָדער אָן דעם אימפּעט פֿון אַן אַקט. אַ "נביא" דאַרפֿן זיי! און וואָס די אַלע לייט האָבן זיך אָן אים אָנגעכאַפּט נאָך ביי זיין לעבן, נאָך איידער פֿון אים זענען געוואָרן "הייליקע ביינער", האָט בײַ אים אַליין געוועקט חשד און איינמאָל אַרויסגעריסן בײַ אים דעם ביטערן אויסגעשריי: "שחה נפשי עד מות תחת משא אהבתכם! אללי לי כי הייתי איסתרא בלנינתכם". —

זיינע לעצטע יאָרן וואַרפֿן אַ שאַרף ליכט אויף דער טאָפּלטער ראָלע וואָס "טראַדיציע" שפּילט אין דעם לעבן פֿון אַ פֿאָלק. ער איז געווען פֿאַרוואָרצלט אין דער אידישער טראַדיציע ווי אַ בוים אין דער ערד. פֿון דאָרטן האָט ער געצויגן אַלע זיינע זאַפֿטן און פֿון דאָרטן האָט



ער — ווי אַ בוים — ניט געקאָנט מאַכן קיין איין שפּאַן אַוועק. עס האָט אים ניט געהאָלפֿן צו פֿאַרשטיין אונדזער גרויסע צייט אפֿילו די זאַגע פֿון דער נעמלעכער טראַדיציע: די מעשה תרח, אברהם, די תרפֿים. געוויס האָט דאָ געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע דער פֿאַקט — ניין, מ'דאַרף אים ניט פֿאַרבאַהאַלטן! — וואָס ער האָט פֿאַרבונדן זיין גורל מיטן באַלעבאַטישן קלאַס. אַ גאַס אויף זיין נאָמען — אַ הויז אויף זיין גאַס — פֿאַרמעגלעכקייט — אַ האָפֿענונג אויפֿן נאָבעל־פּרייז, — דאָס גאַנצע קלאַפּערגעציינג מיט וועלכער אַן אינדיווידואַליס־טישע געזעלשאַפֿט האַלט געפֿאַנגען אפֿילו גרויסע גייסטער. דאָס האָט אים בלינד געמאַכט צון אַזאַ פֿענאָמען ווי דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד. דאָס האָט אים בלינד געמאַכט צו דער מעגלעכקייט פֿון אַן אַנדער אידנטום און אַן אַנדער אידישקייט ווי די באַלעבאַטיש־לומדישע. דאָס האָט אים, דעם פּאָעט, בלינד און טויב געמאַכט אפֿילו צו דעם גרויסן מוט און דער גרויסער שיינקייט פֿונם זקן ראובן בריינין, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אין דערזעלבער טראַדיציע ווי ער, און דאָך —

אַזוי־אַרום זענען די צייכנס פֿון אונדזער גרויסער צייט פֿאַרלוירן גע־גאַנגען פֿאַרן פּאָעט און דער גרויסער פּאָעט — פֿאַר אונדזער צייט.

בינו לבינו הויערט הינטער אונדזערע אַלעמענס פּלייצעס אַ לאַנגער סקעלעט און קוקט מיט פּוסטע אויגנלעכער אין דער וויסטער ווייט אַריין. —

### וועגן אַ נייער פּאַרטיי

אַבי איך האָב געמיינט, אַז בײַ היינטיקן טאָג איז שוין פֿאַר אַלעמען קלאָר, אַז אַ "רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי" קאָן בלויז מיינען איין זאַך: אַ פּאַרטיי וואָס רעפּרעזענטירט דעם מיליטאַנטן טייל פֿון אַרבעטער־קלאַס וואָס קעמפֿט פֿאַר פּאָליטיש־עקאָנאָמישער מאַכט, מיטן צוועק איינצופֿירן אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿט און אַ קלאַסנלאָזע געזעל־שאַפֿט. לאָזט זיך אויס, אַז עס הויבט זיך ניט אָן.

דער אַרטיקל פון יעקב גלאַטשטיין אין ערשטן נומער "אינזיך" "צו די אַלע וואָס מאָנען אָריענטאַציע" איז געשריבן וויציק, שמייסיק, בייסיק, מיט ראַקעטן געשאָסן צו אַלע זייטן פון האָריזאָנט, נאָר וואָס קומט אַרויס? מ'קאָן פון אים ניט קלוג ווערן. דער"אינזיך" געפינט אַז אַלע פּאַרטייען טויגן ניט און וויל 1) אַ נייע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. 2) אַ נייע אידישע פּאַרטיי. 3)אַ פּאַרטיי וואו די אידישע אינטעליגענץ זאָל שפּילן די הויפּט־פידל. צוריקשמועסנדיק, ווייל דער "אינזיך" אינגאַנצן ניט קיין פּאַרטיי: ער האָט זיך אפשר בכיון אָנגעהויבן אַרויסגעבן, כדי עס זאָל זיך אים (ד. ה. גלאַטשטיינען) "נישט פאַרגלוסטן אַרויסצוגיין פון דער אייגענער מחיצה און אָנפאַנגען שפּילן אין אונדזערע טומלדיקע צייטן אַ ראָלע פאַר וועלכער ער איז ניט צוגעפּאַסט"! נאָר וואָסדען? "אויפנעמען און דיסקוטירן די טעזע פון אַ נייער פּאַרטיי האָבן מיר אַ רעכט". זיך דורכשמועסן, הייסט עס. נו, גוט. וואָס קאָן עס שאַדטן? אפשר וועלן אייניקע זאַכן דאָך קלערער ווערן. הכלל, דער "אינזיך" האָט אָנגעהויבן אַ סימפּאָזיום און אפילו פאַנאַנדערגעשיקט אַן אַנקעטע־בויגן צו אַ צאָל אידישע שרייבער.

איך ברענג דאָ מיין אייגענעם ענטפער צום אַנקעטע־בויגן. פון די ענטפערס וועלן קלאָר ווערן די פראַגן.

"חשובע רעדאַקציע "אינזיך":

כ'וועל ענטפערן אויף אייניקע פראַגן אין אייער אַנקעטע-בויגן. די איבעריקע וועלן אָפּפאַלן פון זיך אַליין.

1) צי גלויב איך, אַז וועלכע עס איז פון די איצטיקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען קאָנען מיך באַפרידיקן?

ניין. זיי באַפרידיקן מיך ניט. און תיכּף כאַפּ איך זיך: זיי זענען ניט געשאַפן געוואָרן צוליב דעם כדי מיך צו באַפרידיקן. זיי זענען פאַקטן און זיי דריקן אויס די אינטערעסן און די אַספּיראַציעס פון פאַרשיידענע גרופּירונגען אַרבעטער. אַלץ וואָס איך דאַרף טון איז



—אויסקלייבן מיין צד. עס זענען פאַראַן בלויז צוויי פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: די ס. פּ. און די קאָמפּאַרטיי. איך האָב אויסגעקליבן די לעצטע.

2) אויב נישט, צי האַלט איך אַז עס איז נויטיק אַ נייע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס אָן איר זאָל אַ אידישע סעקציע זיך קאָנען אָנשליסן און פונקציאָנירן אויף אַ מין אויטאָנאָמען אופן?

צוויי ניינען — צוויי באַזונדערע ניינען, ווייל דער אויבנדיקער פּאַראַגראַף אַנטהאַלט צוויי באַזונדערע פראַגן וואָס האָבן צווישן זיך אַ קנאַפּע שייכות: 1) צי איז נויטיק אַ נייע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, און 2) צי דאַרפן אידן האָבן אין איר אַן אויטאָנאָמע סעקציע. ניין נומער איינס. איך וועל אָננעמען, אַז אונטער דער נייער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי באַהאַלט זיך ניט קיין ערגערע זאַך ווי אַ "פערטער אינטערנאַציאָנאַל". האַלט איך: אַז ווי באַרעכטיקט די קריטיקן אויף דער קאָמפּאַרטיי זאָלן ניט זיין, איז די צייט פאַר אַ נייער פּאַרטיי ניט געקומען; אַז אַזאַ פּאַרטיי וועט זיך פאַרנעמען ניט מיט אַ קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, נאָר מיט שטרייטן קעגן דעם אָפיציעלן קאָמוניזם; אַז אַרום איר וועלן זיך אָנהויבן קלעפּן אויף אַ כאַאָטישן שטייגער אַלערליי פאַרבלאָנדזשעטע, אפילו קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן; אַז דער אַרבעטערקלאַס איז שוין אַזוי אויך גענוג צעריסן, וואָס דערפון פּראָפּיטירט בלויז די בורזשואַזיע; אַז דער רוף פון טאָג איז "פאַראייניקטער פראָנט", און נאָר "פאַראייניקטער פראָנט", מיט אַלע מיטלען, מיט אַלע וועגן, מיט דער גרעסטער עקשנות, ניטגעקוקט אויף מניעות פון פרעמדע און פון אייגענע.

ניין נומער צוויי. די קאָמפּאַרטיי אין אַמעריקע האָט אַ אידישע סעקציע. די קאָמפּאַרטיי אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געהאַט — די אידסעקציע. אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָבן מיר אַלע זיך נאָכאַנאַנד געשלאָגן מיט דער דאָזיקער סעקציע, און מיט רעכט: זי האָט ניטריכטיק באַהאַנדלט אידישע געשעפטן. איצט, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט די גאַנצע פּאַרטיי איבערגענומען די אידישע נאַציאָנאַלע געשעפטן ווי אַ טייל פון איר אַרבעט (בירא־בידזשאַן!) אויב אונדז

געפעלט ניט עפּעס אַזוינס, קאָנען מיר עס זאָגן. אויב מ'לאָזט ניט ריידן, קאָן מען דאָך שרייען. אויב מ'שיקט דערפאַר קיין אַלמאַ־אַטאַ — גייט מען, און מ'ברומט, און מ'דרינגעט מיט די פּיס. דאָס איז זייער פּיין. דאָס איז אויסגעצייכנט! — וואָס איז שייך דער אידישער סעקציע אין אַמעריקע, זעט זי אירע אידישע אויפגאַבן אויסשליסלעך אין פּראָפּאַגאַנדירן אויף אידיש צווישן אידן (הגם אויך דאָ טאָרן מיר ניט פאַרגעסן אָן איקאָר, אַשטיינער). דאָס איז ניט גענוג. קאָנען מיר זיך קריגן, קאָנען מיר שרייען — אָן דער געפאַר אפילו פון אַלמאַ־אַטאַ. איז אויף וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו באַקלאָגן? אגב — געוויס וואָס מיינט איר מיטן "אויטאָנאָמען אופן"? אויב, למשל, מיר זענען ניט צופרידן מיטן לערקורס אין די אידישע קאָמוניסטישע שולן, וועלן מיר זיך סיווויסיי דאַרפן אַרומרייסן מיט אונדזערע אייגענע אידישע חברים. מיר האָבן קיינמאָל נישט "געליטן", אין אונדזערע נאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייטן, פון די „גוים", ווי אַזוישע וועט אונדז דאָ העלפן "אויטאָנאָמיע"? —

איך שפּרינג אַריבער 3 און 4 צו —

5) דאַרף דער קינסטלער בלייבן פריי אין זיין קינסטלערישער אַרבעט, נאָכדעם ווי ער איז גרייט זיך צו אידענטיפיצירן סאָציאַל און פּאָליטיש מיט דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, אָדער דאַרף ער אָננעמען פאַר ליב פּאַרטיי־דיקטאַטור אויך אין זיין שאַפערישער טעטיקייט?

וועגן וואָס פאַר אַ "פרייהייט" רעדט זיך דאָ? מיר מאַכן אביסל צופיל מיסטעריע פונם ענין "שאַפן" — פון די אָנהייבער פון "צערעבראַלער" דאַכטונג וואָלט מען געמעגט דערוואַרטן עפּעס אַנדערש. מיר אָפּערירן מיט דער הילף פון אַ גאַנצן "פּלאַנט": 1) אַ פּאַנד פון אידייען; 2) אַ "סטאַק" פון מאַטעריאַלן; 3) אַן אַרסענאַל פון טעכנישע מיטלען. דער קינסטלער וועט, נאַטירלעך, מוזן רע־עקזאַמענירן זיין גאַנצן אינווענטאַר אינם ליכט פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע — (וואָס איז מער ווי אַן אידעאָלאָגיע — זי איז אַ וועלט־אָנשויאונג), אומאָפּהענגיק פון דעם צי עמיצער דיק־



טירט עס אים צי ניט. און וואָס דען וועט זיך אויסדריקן זיין אידענטיפיצירן זיך מיט איר? אויף דער "פּיקעט־ליין", ווי מיר איז באַקאַנט, וויל ער דאָך ניט גיין . . . איך רעד וועגן אינערלעכער אָריענטאַציע, ניט וועגן אויסערלעכן צוואַנג, ווייל שאַפן איז, קודם כל, דיינקען, און דאָס רעכט צו דיינקען קאָן מען צו קיינעם ניט רעלעגירן. —

8) ווי שטעל איך זיך פאָר די פאָרם פון אַ אידיש־רעוואָלוציאָנערער וועלט־אָרגאַניזאַציע אָדער פּאַרטיי?

איך שטעל זי זיך ניט פאָר. דאָס אידישע פאָלק איז נאָך פיל ווייניקער איינהייטלעך ווי דער אַרבעטער־קלאַס: אפילו אין דעם אינגעווייד פונם אַרבעטערקלאַס מוז איך אויסקלייבן מיין פּאַרטיי פון די פּאַרטייען פון אַרבעטערקלאַס. אַ פּאַרטיי ווערט געבויט אויף געמיינזאַמע אינטערעסן, ניט בלויז אויף געמיינזאַמע אידייען, — און דאָס אידישע פאָלק איז מער אַן אידייע, ווי אַן אינטערעס. וועגן אַן אידייע קאָן מען ריידן און שרייבן — מ'קאָן ניט האַנדלען געמיינזאַם, און אַ פּאַרטיי איז אַן אַפּאַראַט פאַר אַקציע. דער עסק קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ דעבאַטן־קלוב אָדער גאָר — חלילה— אין אַ "רעקעט". אַן איינמאָליקער וועלט־קאָנגרעס, ווידער — מאַכטיסע. מ'קאָן זיך דורכריידן. — אייערער, א. אַז. וו."

## די כיטרע טרייסט

איין פּונקט קומט פונדעסטוועגן יאָ אַרויס גאַנץ דייטלעך פונם מישמאַש אין גלאַטשטיינס אַרטיקל: דאָס איז גאָר ניט דער אידישער אַרבעטער, ס'איז דער אידישער אינטעליגענט וואָס וויל אַ נייע פּאַרטיי. נאָך אַ שאַרפער קריטיק אויף רעכטס און אויף לינקס און נאָכדעם ווי ער ווייזט אָן ווי אַזוי די "פרייהייט" האָט אויף אַ גראָבן אופן אָפּגעשטויסן פון זיך די אידישע אינטעליגענץ, קומט ער צום אויספיר: "געקומען די צייט אַז די אידישע אינטעליגענץ זאָל איבערנעמען די העגעמאָניע פון ראַדיקאַליזם אויף דער אידישער גאַס!" וויאַזוי? אָט זענען צוויי פּאַראַגראַפן, אָפּגעשיידט איינער פון צווייטן

מיט א זייטל זאַץ: "אַלע, אַלע אידישע פּאַרטייען, ווי ערלעך זיי זאָלן ניט געווען זיין... וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט ראַדיקאַליזם און קולטור זענען איצט באַנקראָט" און: "עמיצער, אַן ערלעכער, ריינער מענטש, אַ מענטש מיט שוואונג... וואָלט באַדאַרפט איצט... נעמען אויף זיינע פּלייצעס די היסטאָרישע מיסיע צו אָרגאַניזירן די נייע אידישע ראַדיקאַלע פּאַרטיי". מאַכט עפּעס דערפון, אויב איר קאָנט. און וויבאַלד דער אַרבעטער איז פאַרביטן געוואָרן אויפן אינטעליגענט, איז שוין פון רעוואָלוציאָנערישקייט געוואָרן "ראַדיקאַליזם". דאָס איז לאָגיש. וואָרים וואָס פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי קאָן געשאַפן ווערן פון אַזאַ גרופּירונג ווי די אינטעליגענץ איז? אויפן סמך פון וואָס — פון געמיינזאַמע אידייען? אָבער די ערשטע פאָדערונג פון דער אינטעליגענץ איז דאָס רעכט צו האָבן פאַרשיידענע, אייגענע אידייען. אויפן סמך פון "ערלעכקייט", אפשר? זינגט גלאַטשטיין אין אַ ליד:

**ווי שטיל מיר בייגן אונדזערע חנעוודיקע הויקערס ◈ פאַר אַלע לאַסטן, ◈ (די באַשרייבער רופן עס אויף דער שפּראַך פון זייער גאַסיקייט ◈ קורטיזאַנישע צופּאַסיקייט) ◈ מיר פּרנסההוועז, מיר פאַרשטופן באַם הונגער די אָפענע מיילער ◈ — — — ווייל — — — זיין איז אַ כיטרע טרייסט, מיין פריינט.**

וועט אפשר די נייע פּאַרטיי אַרויפשרייבן אויף איר פאָן די "כיטרע טרייסט"?

* * *

* * *

אינטערעסאַנט איז, וואָס אַלע אָן אויסנאַם ביז אַהער דערהאַלטענע ענטפערס אויף דער אַנקעטע זאָגן "ניין". עס לוינט זיך אָפּשטעלן בלויז אויף צוויי פון זיי. דער זאַכלעכסטער איז דער פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקין. אַ פּאָר ציטאַטן: "קאָמיש: איר — באַם רעליגיעז, אָרטאָדאָקסישן "מאָרגן־זשורנאַל". איך — באַם רעכט־סאָציאַליסטישן "פאָרווערטס". לעיעלעס — באַם אידיש־נאַציאָנאַלן "טאָג". מיינט איר, אַז אַזאַ צואַמענשטעל קען זיין פריי, אָפן... שאַרף אין "פּאָעטישע מלוכה", קאָן זיך בלייבן באַם אַלטן, און די פּאָליטיק



 — דער צווייטער איז פון עמיצן וואָס חתמעט זיך אונטער "בלי שם" און איז אַ מין ראַציאָנאַליזירונג פון אַלע אַנדערע ענטפערס. דער תוך זיינער באַשטייט אין דעם, וואָס די "אמתע רעוואָלוציאָנערישקייט" באַזירט זיך אויף די "עלעמענטאַרע אמתן": אָפּשאַפונג פון קלאַסן, פרייהייט פון יעדן יחיד, גלייכבאַרעכטיקונג און אויפהאַלטונג פון פעלקער, א. אז. וו. די פאָרמען און שיטות פון דורכפירן אין לעבן די עלעמענטאַרע אמתן זענען "ספּעקולאַטיוו", און פּאַרטייען זענען געבויט אויף ספּעקולאַטיווע אמתן. דעריבער קאָן די אינטעליגענץ ניט שאַפן קיין פּאַרטיי, נאָר בלויז "אַ פרייע פאַראייניקונג פון מענטשן וואָס האָבן אַ בשותפותדיקן וועג(?) צום סאָציאַלן, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן מאָרגן".

אגב: ווער איז "בלי שם"? וואָס איז עס פאַר סימפּאָזיום אין מאַסקעס? שוין־זשע קוקט דאָ אויך אַרויס די קלוי פון דער כיטרער טרייסט? —

## "זעקסאונצוואַנציק און איינע"

און אָט איז אַ פאַל, וואו די יכטרע טרייסט האָט אָן שום כיטרעקלעך אויפגעדעקט ניט־בלויז איר פּנים, נאָר אויך דעם היפך און האָט זיך אַוועקגעשטעלט צו דער וועלט אין אַ גראָטעסקער און אַ מיאוסער פּאָזע.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן באַ אונדז צוויי מענטשן זיך "אָפּגעזאָגט" פון דער ליטעראַטור: י. י. זינגער און חיים ליבערמאַן. דורך אַ צופאַל, מאַכן זיי ביידע אַ לעבן באַם "פאָרווערטס". —

מאַקסים גאָרקי דערציילט:

זעקסאונצוואַנציק מענטשן האָבן געאַרבעט אין אַ בעקעריי. געאַרבעט אונטער אוממענטשלעכע באַדינגונגען. געלעבט אַליין אויך אַן אוממענטשלעך לעבן, אַ חזירש לעבן. דער איינציקער ליכט־שטראַל אין זייער זלידניש לעבן איז געווען אַ מיידל, אַ דינסט פון אַ רייכן הויז,

וואָס פלעגט קומען יעדן פרימאָרגן אין דער בעקעריי נאָך פרישע זעמל. פאַרוואָס איז זי געווען באַ זיי דאַווקע אַ "ליכטשטראַל" און ניט פשוט אַ מויד? ווייל זי האָט זיך ניט געלאָזן. ד. ה. — זיי האָבן געמיינט, אַז זי לאָזט זיך ניט. די זעקסאונצוואַנציק, וואָס האָבן גע־לעבט "שלעכט", אין טאָפלטן זינען: מאַטעריעל, — אָן זייער שולד, גייסטיק — אויף זייער אייגענער אחריות, האָבן זיך גענויטיקט אין אַן "אידעאַל", מיט רעספּעקט צו מעלדן: עמיצער האָט געדאַרפט זיין "ריין" פאַר זיי, אַנשטאָט זיי, פונזייערטוועגן. —

עס איז ניט נויטיק איבערצוגעבן די גאַנצע געשיכטע — איר ווייסט זי אַלע: אַז דאָס מיידל האָט סוף כל סוף זיך איבערגעגעבן צו אַ פאַר־ביינעלאָפענעם גענייטן זעלנער, זענען זיי אַלע געוואָרן אש־להבה: זי האָט באַ זיי אַוועקגענומען אַן "אידעאַל" וואָס האָט זיי ניט גע־קאָסט אַ פרוטה. פון איצט אָן, אויב זיי וועלן לעכצן נאָך אַן אידעאַל־לעבן, וועלן זיי, הייסט עס, מוזן אַליין לעבן "אידעאַל". דאָ קומט באַ גאָרקין אַ פיינע המון־סצענע, און דאָס מיידל שפּייט זיי אַלעמען אָן אין פנים אַריין. —

י. י. זינגער האָט זיך "אָפּגעזאָגט" פון דער ליטעראַטור דערפאַר, ווייל אַ צייטונג האָט אויפגעדעקט דעם פאַקט, אַז ער מאַכט אַ לעבן אונטער אַ פסעוודאָנים, פון שרייבן פאַרן "פאָרווערטס" פּיקאַנטע קאָרעספּאָנדענציעס. "ליטעראַטור — האָט זינגער דעמאָלט געזאָגט — איז די שענדלעכסטע פּראָפעסיע אין דער וועלט". אָבער גאָט איז אַ פּאָטער: אַב. קאַהאַן, אַ גרויסער ליבהאָבער פון ליטעראַטור, האָט סוף כל סוף איבערגערעדט זינגערן, ער זאָל זיך אומקערן צו דער שענדלעכער פּראָפעסיע. דער רעזולטאַט איז געווען "יאָשע קאַלב" — אַ פאַרזוך פון אַ סינטעז צווישן ליטעראַטור און פּיקאַנטן שטאָף. דער פאַרזוך איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג: י. י. זינגער האָט געמאַכט אַ סך געלט. ברוך דיין אמת. —

און איצט — ליבערמאַן. ער, פאַרשטייט איר מיך, גייט אַוועק פון דער ליטעראַטור, ווייל זי האָט פאַרלוירן איר אומשולד צו פאַרביינעלאָפענע סאָלדאַטן: צו מוסאָלינין, צו היטלערן — און — אהעם . . . — צו



סטאַלינען. (ער שטעלט, אמת, אַ שטיקל מחיצה צווישן די ערשטע צוויי און דעם לעצטן). ער דערמאָנט זיך, אַז אייגנטלעך האָט די ליטעראַטור אַלעמאָל עמיצן געדינט, נאָר ער האָט געמיינט אַז זי איז פריי און אומאָפּהענגיק. איצט, אַז ער האָט איינגעזען —

אָבער גענוג. דער עסק עסט זיך צו נאָך איידער מ'לאָזט זיך אַריין אין אים. ווער — דיינקט ליבערמאַן — איז די ליטעראַטור? וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אַבסטראַקטער באַגריף וועגן אַ ליטעראַטור אָן פּערזענלעכער אחריות פאַר איר? ווער זאָל עס פאַר אים בלייבן ריין און אומשולדיק? און וואָס, מיינט ער, וועט די ליטעראַטור טון צו די אַוועקגעגאַנגענע צדיקים וואָס דאָס האַרץ טוט זיי וויי פאַר די פאַר־לוירענע בתולים אירע? —

דאָרט האָט עס געשמעקט מיט אַן איבערדאָזע ריצנאייל, מיט גומענע שטעקנס, מיט קאָנצענטראַציע־לאַגער. מ'קאָן אפשר — אויב ניט איינשטימען מיט זיי, איז — מיטפילן מיט מענטשן אין אַזאַ לאַגע. און דאָך זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן ניט נאָכגעגעבן. עס זענען אויך געשטאַנען צום פאַרלירן סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, געלט־מיטלען, פרנסות. און ווידער זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נאָכ־געגעבן און אַזעלכע וואָס האָבן ניט נאָכגעגעבן. וואָס באַטייט עס? עס איז קלאָר ווי דער טאָג: אין דער וועלט ווי זי איז איצט געבויט עקזיסטירט אַ באַשטימטע, באַשטענדיקע סתירה צווישן די מאַטע־ריעלע און גייסטיקע אינטערעסן פונם יחיד, און אויב איינער שטרעבט צו באַפרידיקן דאַווקע וואָס מער פון די ערשטע, מוז ער עס טון אויפן חשבון פון די צווייטע. ניין, איך בין ניט קיין נזיר און אוואַדע ניט קיין פרוש, אָבער — אַ געוויסע גלייכגעוויכט מוז איינגעשטעלט ווערן צווישן די צוויי זייטן פון אונדזער נאַטור; פשוט — מ'טאָר ניט האָבן קיין צעשטאָפּטע קישקע. אָט דאָס איז דער וואָרצל פון דער גאַנצער פּראָבלעם, אויף וויפיל זי רירט אָן יחידים, "מענטשן פון גייסט". און אויב אַ שרייבער, אָדער אַ געלערנטער, אָדער אַ קינסט־לער זוכט אַ וואָס־ווייכערן פלאַץ פאַר זיין "היפך", וועט ער שטעלן דעם קאָפּ אין זיין דינסט און וועט שוין עפּעס אויסברייען אַזוינס — אַ חקירהלע, אַ שיטהלע, אַ סיסטעמעלע — וואָס זאָל באַרואיקן

זיין געוויסן מאָראַליש און אינטעלעקטועל און אים לאָזן זיצן אויף זיין ווייכן פּלאַץ. נישקשה, ליבערמאַן ווייסט גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ פאַרדאַרבנדיקע ווירקונג די פּרעסע בכלל און דער "פאָרווערטס" בפרט האָבן אויף אונדזערע שרייבער, שוין ניטריידנדיק פון די לייענער. פונדעסטוועגן איז ניט אים, ניט זינגערן קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו רעזיגנירן פון "פאָרווערטס", נאָר פון דער "ליטעראַטור".

ניט נאָר גייט ליבערמאַן ניט אַוועק פונם "פאָרווערטס" (טאַקע: וואָס עפּעס וועט ער פּלוצים אַוועקגיין — ווער האָט אים דען גענויט אַהין צו גיין ?), — איך הער, אַז ער באַמיט זיך מיט אַלע קרעפטן אַריינ־צוציען וואָס מער פון די אינגערע שרייבער אין דער "ספערע פון איינפלוס" פון דעם ליבן "פ." זייער אַ באַקאַנטע, זייער אַ פאַר־שטענדלעכע פּסיכאָלאָגיע! די לעצטע צייט האָט די פּרעסע איבער־הויפּט גענומען טוליען צו אירע מילכפּולע בריסטן יענע פון די אינגערע שרייבער וואָס לאָזן זיך לערנען "וויאַזוי צו שרייבן". דאָס איז אַלץ דיזעלבע שרייבעניש. דאָס ווערט ניט געשריבן מיטן קאָפּ, נאָר מיטן — ווי רופט מען דאָס אין גוט־דערצויגענער געזעלשאַפט ? . . . איז וואָס, מיינט איר, וועט אָטדי גאַנצע כאַליאַסטרע טון ווען אין אַמע־ריקע וועט זיך אַרויסשיילן אַ היטלער ? . . . איז אָבער די מעשה אַזוי : היטלעריזם אין אַמעריקע וועט זיין אַזוי אַנטיסעמיטיש ווי אין דייטשלאַנד, אפשר מער. זיכער מער. איז וואָס וועט די כאַליאַסט־רע דעמאָלט טון ? דאָס איז אַזוי טשיקאַווע, אַז — גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד — מ׳קאָן זיך שוין כמעט ווינטשן עס זאָל קומען וואָס גיכער, לשם הנאה פונם ספּעקטאַקל. —

### פּרעסע־אויסשטעלונג

געוועז די טעג אַן אויסשטעלונג פון דער אידישער פּרעסע באַ דער נויאָרקער קולטור־געזעלשאַפט. פאַרנעמען זיך מיט דער פּרעסע איצט האָב איך ניט בדעה — דער פּלאַץ דערפאַר וועט זיין אין דעם נומער "סטודיאָ" געווידמעט צו דער זשורנאַליסטיק. אָבער אַ קורצע באַמער־קונג דאַרף דאָ געמאַכט ווערן.



די ראָלע — ניצלעכע ווי שעדלעכע — וואָס די פּרעסע האָט געשפּילט אין באַצוג צו דער אידישער ליטעראַטור איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. פאַר די 40—50 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט זי — ספּעציעל די אייראָפּייאישע — אַרויסגערופן צום לעבן און געבראַכט צו דער עפנטלעכקייט כמעט אַלע אונדזערע ליטעראַרישע טאַלאַנטן. יאָרן לאַנג איז זי געווען די איינציקע מעגלעכקייט פון אידישע שרייבער צו קומען צום וואָרט. זי האָט זיי אפילו געשפּייזט אַביסל — פּשוט געגעבן צום עסן. אין יענע יאָרן האָט זי אַליין — אַביסל נאַאיוו — געקוקט אויף זיך ווי אויף דעם אויסדרוק פון די גייסטיקע אינטערעסן פון אַ פאָלק — ווי אויף אַ ליטעראַטור, הייסט עס. ביסלעכוויז, מיט דער דיפערענצירונג פון אונדזער סאָציאַלן צוזאַמענשטעל, האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין גאָר עפּעס אַנדערש. באַ היינטיקן טאָג איז די ציַיטונג, ניטגעקוקט אויף איר פאַרב, פאַר דער ליטעראַטור אַ דירעק־טער שטער. זי האָט ניט דערלאָזן די אַנטוויקלונג פונם זשורנאַל. זי האָט כמעט אַוועקגעהאַרגעט דאָס בוך. זי האָט קאָרופּטירט דעם אידישן שרייבער פּאָליטיש דורך אויפוועקן זיין יצר־הרע צו גשמיות. זי האָט פאַרשונדעוועט דעם געשמאַק פונם לייענער — מיטן איינציקן אויסנעם פון דער "פרייהייט". און זי האָט — אָן אַן אויסנעם — פאַרבאַנאַליזירט די אויסדרוקסמיטלען און פאָרמען אפילו פון אונדזע־רע בעסטע שרייבער. דער בעסטער ביישפּיל פון אָט דער פאַרדאַרבנדי־קער ווירקונג איז די עסעי־פאָרם ווי זי ווערט באַ אונדז פּראַקטיצירט. וואָס איז אַן עסעי ? אַ טעמע ווערט אָנגענומען באַם—פּופּיק און ווערט אַוועקגעשטעלט פאַרן לייענער אין אירע וויכטיקסטע, וויטאַלסטע פּונקטן. די עסעי־פאָרם האָט איר צוועק צו וועקן דעם אינטערעס, צו סטימולירן דעם געדאַנק, צו שאַפן שטימונג. זי איז ניט מחויב און זי דאַרף ניט אויסשעפּן אַן ענין : דערמיט צייכנט זי זיך אויס פון אַ גרויסער, שווערער "אַרבעט". איר סימן איז עקאָנאָמיע, קורצ־קייט — אַן עסעי קאָן כמעט ניט זיין צו קורץ. די קורצקייט, די קאָמפּאַקטקייט פון דער פאָרם צווינגט דעם שרייבער צו געפינען דאָס פּינקטלעכסטע וואָרט, דעם אינהאַלטסרייכסטן זאַץ און — אינדיווי־דועלן סטיל. דערמיט טיילט זי זיך אָפּ פון זשורנאַליסטיק. דער עסעי ליגט פאַקטיש אויף דער סאַמע גרעניץ צווישן זשורנאַליזם און ליטעראַטור. אָבער די באַטייליקונג אין דער פּרעסע האָט אַרויפגעליינט

דעם שטעמפּל פון שאַבלאָן אויף אַלע אונדזערע שרייבפאָרמען, און גאַנץ באַזונדערס אויפן עסעי און אויף דער קריטיק. אַ צייטונג קאָן פאַרלאַנגען פון אַ שרייבער קורצקייט, ווייל זי האָט ווייניק פּלאַץ — דאָס איז געזעצלעך און ניצלעך פאַרן שרייבער: עס מיינט אויסקוועטשן דאָס וואַסער. אַ צייטונג קאָן אויך פאַרלאַנגען מ'זאָל שרייבן לייינגער — זי דאַרף פאַרפילן פּלאַץ. דאָס איז פון איר שטאַנדפּונקט אויך געזעצלעך, נאָר זייער שלעכט פאַרן שרייבער: דאָס מיינט צוגעבן וואַסער. דער רעזולטאַט איז, אַז ניט־נאָר אונדזער עסעי — אַפילו אונדזער ליטעראַטור־קריטיק זענען אַליין ניט קיין ליטעראַטור, נאָר זשורנאַליסטיש געשריבענע מבינות אויף ליטעראַטור. דער אַרויסקום איז, אַז דער שאַבלאָן האָט זיך צעלייגט איבער אַלע אונדזערע שרייבעכצן. די אונטערשטע שורה — אַן אָרעמקייט פון סטיל און פון סטילן. —



# ל. שאַפּיראָ

## „קריעת ים־סוף"

### אַ. „סטודיאָ" און דער לייענער

אין אַ הייסן טאָג אין יולי 1933 האָט „דער שרייבער פון די שורות" זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ טור איבער דער אידישער אַמעריקע, מיטן צוועק צו שאַפן אַ לייענער־באַזע פאַר אַ פערטל־יערלעכן ליטעראַרישן זשורנאַל. די נסיעה האָט געטראָגן אַ קלאָרן דאָנקיכאָטישן כאַראַקטער. אַפילו אַ „ראָסינאַנט" האָט ניט געפעלט — אין דער געשטאַלט פון אַ פּריינטס אַלטן אויטאָמאָביל וואָס האָט שטאַרק דערמאָנט אָן די דאַרע ביינער פונם באַרימטן פערד פונם ריטער פון לאַמאַנטשאַ. איצט, אין יולי 1934, גייט אַרויס דער ערשטער נומער „סטודיאָ". די לייענער־באַזע איז געשאַפן געוואָרן. —

עס האָט גענומען אַ יאָר צייט צו דערגרייכן ניט־קיין־זייער־וואַזשנע רעזולטאַטן. אַז גאָט וועט געבן כוחות און יאָרן, וועל איך אַמאָל באַשרייבן דאָס דאָזיקע יאָר אַרבעט אונטערן אויבנגעשטעלטן נאָמען — מיט אילוסטראַציעס, מיט פּרטים, מיט נעמען אַפילו. איך דיינק, אַז עס איז זייער אינטערעסאַנט און זייער וויכטיק פאַר אונדז אַלעמען צו האָבן אַ קלאָר בילד פון דעם, וויאַזוי קולטור־אַרבעטן לויפן ביי אונדז דורך. עס זענען געווען אַזעלכע שווערקייטן; עס זענען אַנטקעגנגעקומען אַזוי פיל פּריקרע אינצידענטן; עס איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן אַזוי פיל ניטשיינקייטן און אַפילו בזיונות, — אַז עס האָט זיך ניטאיינמאָל געוואָלט אַוועקוואַרפן די אַרבעט אינדערמיט. שווערער פון אַלעם איז געווען אַראָפּצושלינגען דעם פאַקט, וואָס די פאַרשיידענע קולטור־טעטיקייטן ביי אונדז זענען ניט אַ הילף איינע פאַר דער אַנדערער, נאָר זיי פירן צווישן זיך אַ קאָנקורענץ — אַמאָל גאַנץ אָפן, און אַמאָל הינטערוויילעכס.

אָבער איך האָב זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז איך זינדיק שווער קעגן דעם אידישן לייענער־עולם. שטעלט אייך נאָר פאָר וואָס עס וואָלט געווען, ווען איר קומט צו אַן אַמעריקאַנער ניט־אידן נאָך אַן אַבאַ־

נעמענט פאר א דבר שלא בא לעולם, פאר א זשורנאל וואס דארף ערשט געשאפן ווערן? ער איז געוואוינט צו זען אזעלכע אונטערנעמונגען געשאפן פון מענטשן מיט קאפיטאל "פאר ביזנעס", אדער אין בעסטן פאל פון א רייכן מעצענאט וועלכער איז גרייט צו פארלירן אסך געלט, ביז ער וועט די אונטערנעמונג פאפולאריזירן און "ארויפארבעטן". און ווען איר שלאגט אים פאר, אז ער, דער לייענער גופא, זאל אליין זיין דער ארויסגעבער, דערמיט וואס ער וועט איינשטעלן זיינער פאר דאלאר אין פארויס — וואלט ער אייך אנגעקוקט ווי א משוגענעם אדער ווי א שווינדלער. ביי אונדז אבער איז עס אזוי: דער באמיטלטער מענטש געפינט א בעסערע פארווענדונג פאר זיין געלט ווי ליטעראטור; דער מעצענאט אונדזערער וועט גיכער שטיצן א בודיסטישן טעמפל, אדער, מיט ווייניקער חשק, א העברייאישע אונטערנעמונג, איידער א אידישן זשורנאל. אבער דער אידישער לייענער —

ער האט מיר געלאזט וויסן, אז עס איז א קריזיס אין לאנד; ער האט מיר דערציילט, אז מ'האט שוין ביי אים ניטאיינמאל "אויסגענארט" געלט און ס'איז דערפון גארניט געווארן; ער האט זיך באקלאגט, אז ער ווערט באפאלן פון א היישעריק משולחים אפילו פון מעבר לים און אז מ'רייסט פון אים דאס פלייש. דערנאך — האט ער זיך אבאנירט און אמאל געגעבן א ביישטייערונג אויך. אט אזוי קאמפענסירט א פאלק פאר זיינע פארשטאפטע נארמאלע קוואלן. אט אזוי באפרידיקט עס זיינע קולטורעלע נויטן. און איך זאג דעריבער: באקלאגן זיך ביי אונדז אויף שווערקייטן איז א שוואכקייט און א זינד. —

* * *

* * *

"סטודיא" האט צווישן אירע אבאנענטן: מיטגלידער פון נאציאנאלן ארבעטערפארבאנד, פועלי־ציון, קולטוריסטן, "רעכטע", "לינקע" און אויסגעלינקטע, א קליינע צאל אלגעמיינע ציוניסטן, אפילו א צוויי־דריי רבנים און א היפשע צאל אידן "פון א גאנץ יאר". וויאזוי האב איך געקאנט זיך ווענדן צו אזא פארשיידנארטיקן עולם, און פארוואס האט ער זיך אפגערופן?



די ליטעראטור — אין בריטן זינען — פון א פאלק איז זיין גאנצער דיינקונגס־אפאראט, פונקט ווי זיין שפראך איז דאס הויפט־מיטל פאר אינטערקאמוניקאציע צווישן זיינע טיילן. אויף וויפיל די מאטעריעלע אינטערעסן פון די גרופירונגען אין פאלק זענען פארשיידן, אדער קעגנזעצלעך, איז דא ווייניק אויסזיכט זיך "צונויפצורעדן", ווייל די אינטערעסן ליגן ארויף זייער האנט אויפן דיינקונגסאפאראט און צווינגען אים צו דינען זיי, און ניט אוועלכע עס איז אבסטראקטע פרינציפן פון שכל אדער יושר. נאר אפארט פון דער שווערקייט אריבערצושפרינגען אין געדאנק די מחיצה פון אינטערעסן, איז פאר א מענטשן פשוט שווער זיך פאנאנדערצוקלייבן אין דער מאטעריע פון לעבן — אן דער הילף פונם געדאנק פון זיינע מיטמענטשן. די ליטעראטור שפיגלט אפ דאס גאנצע לעבן און בארירט ענינים וואס זענען נוגע אלע קלאסן מענטשן. אויף דער הויך פון געדאנק דארף זיין מעגלעך פאר אלע מענטשן זיך צו באגעגענען. וואס איז שייך איינצלנע מענטשן, איז פאר זיי מעגלעך אפילו אריבערצושפרינגען די מחיצה פון קלאסנאינטערעסן. דאס זענען, לויט לענינס אויסדרוק, "ווייסע ראבן" — פייגלען זעלטענע, נאר מעגלעכע און עקזיסטירנדיקע, און איך קאן מיר ניט פארשטעלן קיין אנדער קראפט וואס זאל אזוי זיין צוגעאייגנט צו ווירקן אויף אזעלכע יחידים ווי די ליטעראטור און די קונסט, צוליב זייער סובטילן "שארם" און יחידישן אפעל.

דאס — צו ענטפערן אויף "וויאזוי איך האב זיך געווענדט".

די פראגע "פארוואס זיי האבן זיך אפגערופן" פארלאנגט, אז מ'זאל זיך נעענטער צוקוקן צו די וואס האבן זיך אפגערופן.

איך מוז זאגן, אז ווארעמער און פיינער פון אלעמען האבן זיך אפגערופן די ארבעטער פון נאציאנאליסטישן פליגל, די פועלי־ציון פון די מערסטע שאטירונגען. ניטגעקוקט אויף דער שארפער פארטייאישקייט פון אונדזערע טעג, זיצט די ליבשאפט צו קולטור ביי זיי טיף אין די ביינער, און אסך פון זיי האבן דעם געזונטן אינסטינקט פון איבערגעבנקייט צו דער אידישער שפראך.

שוואַכער איז געווען דער אָפּרוף פון די קולטוריסטן. דאָס איז דער גרעסטער פּאַראַדאָקס אויף וועלכן איך האָב זיך אָנגעשטויסן אין מיין אַרבעט, ווייל זיי זענען דאָס דער אייגנטלעכער "אידישיסטישער" לאַגער. דאַווקע ביי זיי איז עס זיך צעוואַקסן די קאָנקורענץ צווישן קולטור־טעטיקייטן — אַ קאָנקורענץ וואָס נערט זיך אויף אַן אויסטערלישן פּאַוואָריטיזם. איין גרופּע האָט זיך אַ חסידיש־ראַבייאישע באַציאונג, זאָגן מיר, צו רב־פּפּאַן. און זי האָט אינזינען מיט אַ האַלב יאָר פאָרויס "אַראָפּברייננגען" רב־פּפּאַן — וועט זי דעריבער נישט טון קיין שום אַנדער זאַך. אַ צווייטע האָט זיך אונטערגענומען אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן רב־אשים ביכער; איז ניטבלויז וואָס זי איז פּטור פון אַלע אַנדערע אחריותן — זי קוקט בפירוש מיט אַ פיינטלעך אויג אויף יעדער אַנדערער טעטיקייט, כאָטש זי שעמט זיך אַמאָל אַרויסצו־ווייזן עס אָפן. אַ דריטע איז פאַרקאָכט אין אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — דער "איוואָ", עפּעס אַ קליינקייט! די גרופּע הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין, אַז "איוואָ" איז אַ סאָרט מוזייאום פאַר אונזער קולטור־געשיכטע, און אַז כדי עס זאָל זיין אַן "איוואָ" מוז פריער זיין אַ געשיכטע און — אַ לעבעדיקע קולטור! לאָזט זיך אויס, אַז עטלעכע שורות אָנגעשריבן פון עפּעס אַ בטלן און אַ גראַפאָמאַן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק זענען וויכטיקער ווי, למשל, אַ זשורנאַל פון היינט, פאַר היינט, פאַר אונדז אַלעמען — און אַז דער אויסדריקלעך־ניטשאַפערישער, זאַמלערישער עלעמענט, וואָס זיין גאַנצע עובדא איז צו גראָבן זיך אין ביבליאָטעקן און אַרכיוון, איז, פאַרשטייט איר מיך, קולטורעל־וויכטיקער ווי אונדזער היינטיקע, לעבעדיקע קולטור און ליטעראַטור וואָס אָן איר זענען קיין אַרכיוון ניט מעגלעך. — און אָט איז אונדזער ליבע קולטור־געזעלשאַפט. דאָס איז ניטאַזוי אַ געזעלשאַפט פון מענטשן וואָס טוען קולטור־אַרבעט, ווי עפּעס אַ קראַנקע בייבי וואָס די פּראָבלעם איז — וויאַזוי דערהאַלטן מען זי ביים לעבן. איינאיינציקער ביישפּיל וועט ווייזן וואָס איך מיין: אויף אַ צוזאַמענפאָר פונם מיטל־מערב־ראַיאָן פון דער ק.־ג. שטעלט זיך אויף אַ איד פון מילוואָקי און נעמט זיך באַרימען אַזוי און אַזוי: זיי דאָרטן, אין מילוואָקי, קויפן ניט קיין אידישע ביכער — חס וחלילה! זיי פּלעטן. אין אַ שטאָט וואָס דאַרף אָפּנעמען פופציק עקזעמפּליאַרן פון אַ בוך,



נעמט די ק.־ג. זעקס, און פּלעט זיי אויס צו 50 אָדער 25 סענט אַ בילעט. דער רעזולטאַט: עס זענען אַריינגעפאַלן 25 דאָלאַר פאַר דער קולטור־געזעלשאַפט. די חכמים פון מילוואָקי — און פון דער ק.־ג. — זענען גאָר אפילו ניט חושד, אַז זיי שניידן־אונטער דעם צווייג אויף וועלכן זיי זיצן.

אָט איז אַ דריטע גרופּע טוער, אַ נייע גרופּע, אַן אייגנאַרטיקע: אין שיקאַגאָ און אין אַנדערע שטעט האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעבילדעט גאַנץ גרויסע ווייבערשע לייענער־קרייזן. אָרגאַניזאַציעס פון ווייבער, ווי פון ציוניסטישן אַזוי פון אידישיסטישן לאַגער, וואָס קויפן ביכער, לייענען ביכער און ציִען אַרויס אַ היפּשע אַקטיוויטעט אויפן געביט פון אידישער קולטור. איז דאָך גוט, אַה? איז טאַקע גוט, נאָר — אוי, דער נאָר! זיי געפעלט — איך קאָן ניט באַגרייפן פאַרוואָס — צוצוגעבן זייער טעטיקייט עפּעס אַ מין צדקה־כאַראַקטער. זיי ווילן בעסער עפּעס טון פאַר אַ שרייבער — פאַר זיינע פּערזענלעכע באַדערפענישן, הייסט עס — איידער, זאָגן מיר, פאַר אַ זשורנאַל. די ווייבער זענען שיינע ווייבער, ליבע ווייבער — און דעם אמת געזאָגט — היפּשלעך אַנטוויקלטע ווייבער: באמת אַ נייעס אין אונדזער אידישן לעבן; אָבער דער פלעק פון צדקה אויף זייער אַרבעט איז אַ מיאוסער, אַ שענדלעכער, און מוז אָפּגעווישט ווערן! —

דער דערפאָלג צווישן די פּאַרטייאישע "לינקע" איז געווען קליין: 1) זיי געבן אַוועק זייער ענערגיע און זייערע מיטלען צו די טעטיקייטן פון דער קאָמפּאַרטיי; 2) זיי זענען מערסטנס זייער אָרעם; 3) זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין אַזאַ גייסט, אַז זיי זענען שאַרף אַנטי־נאַציאָנאַליסטיש — אַזוי שאַרף, אַז אפילו די פּאַרטיי אַליין האָט לעצטנס אָנגעהויבן איינזען אַז זי האָט "געקראָגן אַ גרעסערע מציאה ווי זי האָט געוואָלט כאַפּן"; 4) דיזעלבע דערציאונג האָט אין זיי איינגעפלאַנצט חשד און אומצוטרוי צו יעדער טעטיקייט און צו יעדן טוער וואָס געפינען זיך נישט דירעקט אונטער דער יוריסדיקציע פון דער פּאַרטיי. —

נאָך שוואַכער איז עס צוזאַמענגעגאַנגען מיט די אויסגעלינקטע. די זענען מייסטנס בירגערלעכע מענטשן, אָפטמאָל גאַנץ פאַרמעגלעכע, וואָס די פּאַרטיי דינט זיי בלויז פאַר אַן אויסרייד אויף צו האַלטן זייער האַנט שטייף אויף דער קעשענע; זיי קלעפּן ארום דער פּעריפעריע פון דער פּאַרטיי צוליב ביזנעס אָדער אַנדערע פּערזענלעכע מאָטיוון, געבן ווייניק און אומווילִיק אויך פאַר אירע טעטיקייטן, און אין יעדן פאַל קריגן זיי אַרוים דעם "פולן ווערט פון זייער געלט". דער ערגסטער, דער אומסימפּאַטישסטער עלעמענט. —

דער "איד פון אַ גאַנץ יאָר" איז אַן עלעמענט אַ צופעליקער, אַן אומזיכערער און אַ פּליסיקער. דער דערפאָלג אין זיינע רייען ווענדט זיך אינגאַנצן אָן דער מאָס ענערגיע און "פאַרקויפקראַפט" וואָס איינער קאָן אַרויסשטעלן.

## ב. וועגן "ריינער" ליטעראַטור

מ'האָט מיך געפרעגט: וועט עס זיין ריינע ליטעראַטור? . . .

איך האָב — אידישלעך — געענטפערט מיט אַ פראַגע: אַז איך האָב, מיט יאָרן צוריק, אָנגעשריבן דעם "צלם" — ווי "ריין" איז ער געווען? ווי ריין איז שלום אַש'ס טרילאָגיע "פאַרן מבול" אָדער לייוויקס "גאולה־קאָמעדיע"? ווי קאָנט איר דערוואַרטן און פאַרוואָס זאָלט איר עס וועלן, אַז דורך אַ שרייבערס אַרבעט זאָל זיך ניט אָנזען זיין וועלט־באַנעם? די זייער ריינע ליטעראַטור איז באמת די אומריינסטע. דער תוך איז ניט אַז עס זאָל זיין ריינע ליטעראַטור, נאָר אַז עס זאָל זיין ליטעראַטור. היינט צו טאָג איז ליטעראַטור אַסך מער ווי אַ צייטפאַרטרייב — זי איז, זי מוז זיין איינע פון די וויכטיקסטע פונקציעס פונם מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד. אָבער פונדאַנען צו אַטראַ לינן די גרעניצן פון ריינקייט און אומריינקייט.

סאַראַן אַ צוויי־דריי אידייען אָדער ריכטונגען, וואָס זענען פונדאַמענטאַל פאַר אונדזערע צייטן, און וואָס מיט זיי וועט "סטודיאָ" זיך מוזן אינטערעסירן. אויסגעשטעלט אין אַנטינאָמיעס, זעען זיי אויס אַזוי:



עקאָנאָמישער אינדיווידואַליזם — און קאָלעקטיוויזם.

שאָוויניזם — און אַסימילאַציע.

דער יחיד — און דער כלל, אין ליטעראַטור און קונסט.

בנוגע צו דער ערשטער אַנטינאָמיע, איז "סטודיאָ" אויף דער זייט פון צווייטן טייל — אָן שום רעזערוואַציעס.

פון דער צווייטער אַנטינאָמיע זענען ביידע טיילן פאַר אונדז טריף. טריף איז פאַר אונדז יעדערער וואָס וויל אָפּטיילן אונדזער נאַציאָנאַל לעבן פונם גאַנג פון דער וועלט — און טריף איז דער וואָס פּריידיקט אונדזער אויפלייזונג ווי אַ פאָלק, אָדער אפילו נאָר אינדעפערענטיזם אין אָנגעזיכט פון די "נאַטירלעכע פּראָצעסן". אָבער צווישן די צוויי עקסטרעמען איז פאַראַן גענוג וועגן וואָס צו רייטן: וואָס איז דאָס אידישע פאָלק? ווער איז דאָס אידישע פאָלק? וואָס פאַר אַ סאָרט פאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן און נאַציאָנאַלער קולטור שטעלן מיר זיך פאָר? — די רעדאַקציע האָט גאַנץ באַשטימטע אָנזיכטן בנוגע די געגעבענע פּרטים, אָבער זי וועט געבן פּלאַץ פאַר אַנדערשדיינקענדיקע וואָס האָבן וואָס צו זאָגן און קאָנען דאָס זאָגן אַזוי, אַז עס זאָל זיין "ליטעראַטור".

אין דער דריטער אַנטינאָמיע וועלן מיר זוכן אַ סינטעז. —

## ג. "סטודיאָ" און דער שרייבער

מ'האָט מיר געזאָגט: "מיט וועמען וועט איר גיין צום טיש?" דאָס האָט געזאָלט באַטייטן — מיר האָבן ווייניק מענטשן וואָס האָבן וואָס צו זאָגן און וואָס קאָנען זאָגן וואָס זיי האָבן.

איך בין ניט מסכים. מיר האָבן גענוג טאַלאַנטן, אפשר מער וויפל עס קומט אַן אָפּשניט פון אַ קליינעם פאָלק אין איינער פון "זיינע" מדינות. דער "טיש" איז, איבעריגנס, אונדזער טיש, און פון די כוחות

וואָס זענען פאַראַן דאַרף מען מאַכן דאָס בעסטע וואָס איז מעגלעך. גייען דאָך באַ אונדז אַרויס ביכער, דערשיינען דאָך באַ אונדז פאַרשיידענע זשורנאַלן, און אומעטום קאָן מען געפינען עמיצן וואָס קאָן און עפּעס וואָס עס איז כדאי צו לייענען. די צייטשריפטן אַליין זענען, אמת, אָדער פאַרטייאישע אָדער קלייזלדיקע, אָבער ווען מ׳זאָל צונויפזאַמלען די בעסטע כוחות אין איין פּלאַץ —

יאָ: ווען מ׳זאָל... אָט דאָ איז דער קוועטש.

אַ זשורנאַל וואָס וויל האָבן אַ פיזיאָנאָמיע קאָן ניט האָבן מיט זיך ״אַלע״ בעסטע כוחות. אין ״אויפקום״, למשל, קאָנט איר טרעפן כמעט אַלע אידישע שרייבער. פאַראַן באַ אונדז אַ פּלאַץ פאַר אַזאַ זשורנאַל אויך. ״סטודיאָ״ אָבער, כאָטש זי וויל אויסמיידן אי די פאַרטיי אי דאָס קלייזל, מוז אויסקריסטאַליזירן אַרום זיך אַ גרופּע שרייבער מיט אַ פּנים. דאָס אַליין איז אַ פּראָבלעם. די פּראָבלעם ווערט שווערער צוליב דער טאָפּלטער פּאָרציע ״מענטשלעכע נאַטור״ וואָס דער אידישער שרייבער האָט אַריינגעכאַפּט. פּאָלעמיזירט עמיצער מיט זשיטלאָווסקין אָדער ניגערן, הייסט עס ניט פּאָלעמיק אָדער קריטיק, נאָר אַן ״אַטאַקע״. שרייבט עמיצער אַ שאַרפע, הייסבלוטיקע קריטיק אויף לייוויקן — איז עס ניטווייניקער ווי ״ציניזם״. זאָגט איר אַז שלום אַש וואָלט זיך געמעגט אויסלערנען אידיש, אָדער כאָטש תרגום־לשון, און אַז אָפּאַטאָשו זאָל ניט שפּילן אין דער ליטעראַטור דעם גראַנד סיניאָר וואָס זיין ממשלה שפּרייט זיך איבער זיבן און צוואַנציק און הונדערט מדינות, נאָר ער זאָל שרייבן ווייניקער און בעסער—האָט איר זיי געקוילעט די קאָפּאָטע. פון צוהערן זיך איינער צום אַנדערנס ווערטער קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז היינטצוטאָג איז שרייבן אַ קריטיק אויף עמיצן אַ גאַנצע אונטערנעמונג, ווי זיך אַרויסלאָזן אויף אַ ריזיקאַלישער נסיעה. איר האָט די ברירה: צווישן קויפן זיך אַ שונא — און צווישן אַריינפאַלן אין פּחדנות, אומערלעכקייט, פוילע שטיק. באַזונדערס פאַרהאַסט דאָס אַלץ וואָס גיט־צו לעבן צו ליטעראַטור. קריטיקירן עמיצן אומגינסטיק און בלייבן מיט אים גוטפריינט איז אַן אַבסאָלוטע אוממעג-





לעכקייט. און אין יעדן אַרויסטריט זעט מען פּערזענלעכע פּניות — אַזויווי עס וואָלט גאָר ניטמעגלעך געווען אַז עמיצער זאָל באמת איינזינען האָבן גוטע ליטעראַטור, קלאָרן, דורכדרינגלעכן געדאַנק, אַ בעסערע טעכניק און אַ פיינערן סטיל, הגם דערביי מעג זיך דער עמיצער טועה זיין אין אַ געגעבענעם פאַל. אויב עפּעס איז ״ציניזם״, איז עס גראָד אַזאַ אומגלויביקער גלויבן.

דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס די דאָזיקע צרה ציינט אַרויס בולט׳ע סימנים פון סאָציאַלער קריסטאַליזאַציע. מיר, דער עלטערער דור שרייבער, האָבן ״פאַרנומען פּאָזיציעס״ און ווילן זיי אָנהאַלטן פאַר יעדן פּרייז. מיר זענען זיך כהנים־גדולים, קירכנפּאָטערס, מאַנדאַרינען; מיר זיצן מיט די פיס אונטער זיך און ציטערן פאַר מורא אַז אַ פליג זאָל חלילה ניט אַוועקזעצן אויף אונדז אַ פּינטעלע און פאַרשוועכן אונדזער ״חשיבות״. מהאי טעמא קוקן מיר קרום אויף די אינגערע שרייבער וואָס באַציען זיך צו אונדז ניט מיט דעם נויטיקן רעספּעקט. פאַראַן אַ היפּשע גרופּע יונגע באַגאַבטע שרייבער וואָס מיר לאָזן זיי ניט צו אפילו צו מיטגלידערשאַפט אין פּען־קלוב, דערפאַר וואָס זיי באַציען זיך קריטיש צו אַלע אָדער צו די מערסטע פון אונדז. אָבער דאָס איז דאָך דער כאַראַקטער און די פּריווילעגיע פון יעדן יונגן דור — אפשר אפילו זיין חוב און זיין ראָלע — ניט צו לאָזן די זקנים איינדרימלען! מיט דער צייט ווערן זיי, נאַטירלעך, מיושבדיקער און ניטבעסער פון אונדז, נאָר פאַר אַ צייט שאַרפן זיי אויף אונדז זייער געווער. איז וואָס איז דאָ די אחריות —אפילו ווען דאָ און דאָרט געפינט זיך צווישן זיי אַ הדיוט קופץ בראש? נישקשה, פאַראַן גענוג גראַפּאָמאַנען צווישן אונדז, ״אָנערקענטע״, אויך. איז דער תירוץ: אינטערעסן. אָנזען. כבוד. פּרנסה. —

וויאַזוי וועט זיך ״סטודיאָ״ אויפפירן אין אָטאַ סיטואַציע?

מיר, אידן, האָבן געהאַט אַמאָל אַ פעטער — עשיו האָט ער געהייסן. ווענן אים זאָגט זיך, אַז עס איז געווען ״ידו בכל ויד כל בו״, ד. ה.: ער האָט געקאָנט דערלאַנגען אַ קלאַפּ און צונעמען אַ קלאַפּ. דער דאָזיקער שטריך פון פעטער עשיו׳ס כאַראַקטער געפעלט אונדז און

מיר האָבן ברעה אים נאָכצוטון. (וועגן דעמזעלבן קרוב אונדזערן ווערט דערציילט, אַז ער האָט פאַרקויפט די בכורה זיינע פאַר אַ "געקעכץ פון לינדזען" — היינט וואָלט דאָס מסתמא געמיינט פאַר אַ שטעלע אין אַ צייטונג. נו, אַזוי ווייט וועלן מיר שוין מיט אים ניט מיטגיין). אָבער אונדזער כונה איז פונדעסטוועגן צו פאַראייניקן דאָס וואָס איז ווערט און וואָס לאָזט זיך פאַראייניקן — פון יונג און פון אַלט.

וואָס פאַר אַן אָפּרוף קאָן מען דערוואַרטן מצד די אידישע שרייבער? איז ווידער די אייגענע מעשה ווי מיטן לייענער: וואו מאַטעריעלע אינטערעסן וועלן ריידן הויך, זענען די אויסזיכטן אויף אַ גינציקן אָפּרוף קנאַפּע — מיט, האָפנטלעך, אַן אויסנעם אָדער צוויי. אָבער דער שרייבער האָט דאָך אויך גייסטיקע אינטערעסן — זיכער ניט־ווייניקער ווי דער לייענער. אויף דער הויך מוז "סטודיאָ" קריגן אַן אָפּקלאַנג באַם שרייבער. און ס'איז דאָ אַרום וואָס — אונדזער צייט איז די אינטערעסאַנטסטע פון אַלע צייטן. מיר מאַכן זיך ניט קיין אילוזיעס, נאָר פון פעסימיזם זענען מיר זייער ווייט.

און צולעצט:

מיט יאָרן צוריק האָט דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער סאַל־טיקאָוו־שטשעדרין, אין פאַרצווייפלונג איבערן דרוק פון דער צאַרישער צענזור, אויסגערופן: "לייענער, רוסישער לייענער, נעם זיך אָן פאַר אונדז!" מיר, היינט און דאָ, וועלן אים נאָכזאָגן: לייענער, אידישער לייענער, נעם זיך אָן פאַר אונדז — קעגן זיך, קעגן דיין גלייכגילט און דיין אינערציע, קעגן דיין אייגענער "מענטשלעכער נאַטור" און קעגן דער נעמלעכער פון אונדז, די אידישע שרייבער, אַליין. —



## אין די ווייטערדיקע נומערן "סטודיאָ",
## צווישן אַנדערע זאַכן:

**ש. ניגער:** עסעי איבערן עסעי

**פּרץ הירשביין:** ערד

**ר. אייזלאַנד:** פון ריינער קונסט צו נאַצישן משיחיזם (סטעפאַן געאָרגי)

**א. לעיעלעס:** שפּראַך - עקספּערימענטאַציע

**צבי הירשקאַן:** ביאַליק און אחד העם

**ב. ריווקין:** דאָס ליד וואָס ווערט מקוים, קאַפּ. 2

**ל. שאַפּיראָ** דער אַמעריקאַנער שד

סטודיאָ וועט דערשיינען איין מאָל אין דריי חדשים, וועט אַנטהאַלטן 128 זייטן, אין אַ הילע פון פּאַפּיר, און וועט קאָסטן 2 דאָלער אַ יאָר, פּאָסט פריי. סטודיאָ וועט ניט אַננעמען קיין אַנאָנסן, אויסער מודעות וועגן ביכער אָדער אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען, און איז אויסגערעכנט אויסשליסלעך אויף מענטשן וואָס נעמען ערנסט די קונסט פון וואָרט.

סטודיאָ וועט דרוקן דערציילונגען, לידער, עסייען, רעצענזיעס און אַ קאָמענטאַר איבער די לויפנדיקע פּאַסירונגען פון אונדזער ליטעראַרישן און קולטורעלן לעבן. אין סטודיאָ וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אַלע שרייבער וואָס האָבן וואָס צו זאָגן.

עס ווערט געפּלאַנט, אַז יעדער נומער סטודיאָ זאָל זיך אָפּגעבן, אין זיין גרעסטן טייל, מיט אַ ספּעציעלער פאָרמע פון ליטעראַרישער און קינסטלערישער טעטיקייט. עס וועלן געדרוקט ווערן מוסטערן פון דער אַנטשפּרעכנדיקער פאָרמע און קורצע אָפּהאַנדלונגען אָדער נאָטיצן איבער די דאָזיקע מוסטערן. עס איז פּראָוויזאָריש אַנגעמערקט דער פאָלגנדיקער פּלאַן:

1. **די דערציילונג און דאָס ליד.**
2. **דער ראָמאַן.**
3. **דער עסעי.**
4. **קריטיק.**
5. **זשורנאַליסטיק.**
6. **דראַמאַטורגיע.**
7. **טעאַטער און קינאָ.**
8. **מעמואַרן און בריוו.**

אַלע לייענער וואָס זענען פאַראינטערעסירט זענען געבעטן אַריינצושיקן תיכּף זייער אייגענעם אַבאָנעמענט, ווי אויך צו זאַמלען אַזויפיל אַבאָנענטן וויפיל זיי קאָנען.

סטודיאָ איז אויסגערעכנט בלויז אויף אַבאָנענטן און וועט איינצל ניט פאַרקויפט ווערן.


פאַרלאַג „אַליין"

ביכער פון ל. שאַפּיראָ

| | |
|---|---|
| די אידישע מלוכה | $1.50 |
| נויאָרקיש | 1.25 |

LAMED SHAPIRO
166 Second Avenue
New York, N. Y.